פרייז $1.00

# Hakiryah

# הקריה

טבת–שבט תשע"ג לפ"ק

קרית יואל יצ"ו

137

בס"ד




**וגללו את האבן מעל פי הבאר:**

## בוי־ארבעט פונעם "וואסער פייפליין" אט אט א פאקט!

**ערשטע פאזע פון 7 מייל קאנטראקט אונטערגעשריבן מיט פירמע נאך וואס פראיעקט איז געווארן באשטעטיגט פון "ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט" - אנגעקומען ענדגילטיגער פערמיט פון NYS-DOT צו קענען גראבן אויף סטעיט רוט 32 - און פון OC-DPW צו קענען גראבן אויף קאונטי רוט 44 - ארבעט וועט ווערן אנגעהויבן ביז געציילטע וואכן אי"ה**

זייט 13

## "קינדער פארק" אפטיילונג פון "רוח החיים - קור ארט" וועט בעז"ה געעפנט ווערן באלד נאך ווינטער

**פיר באזונדערע פארקס: 1) יונגלעך, 2) מיידלעך, 3) קליינע-קינדער מיט טאטעס, 4) קליינע-קינדער מיט מאמעס, זענען פולקאם גרייט אויפצונעמען די טויזנטער קרית יואל'ער קינדערלעך בליעה"ר**



מיט גרויס שמחה נעמען תושבי קרית יואל אויף די פריילאכע נייעס אז דער לאנג-ערווארטעטער "קינדער-פארק", אויף וואס קרית יואל קוקט ארויס שוין אזויפיל יאר, האלט שוין ביי די לעצטע פאזעס צו זיין פולקאם גרייט אויף די קומענדיגע פרילינג סעזאן.

די איינוואוינער פון קרית יואל זענען שוין מיטגעטיילט געווארן פארגאנגענעם יאר איבער די גראנדיעזע פלענער פון א פולקאמער "קור-ארט" על טהרת הקודש וואס די געטרייע ווילידזש באאמטע ארבעטן אהערצושטעלן אינדרויסן פון קרית יואל אויף לארקין רד.. די פלענער זענען אהערגעשטעלט געווארן אילוסטרירט מיט בילדער און מאפעס אין קאלירפולע צייכענונגען, וואס האט געקענט געבן א געפיל אז מ'רעדט פון עפעס וואס איז נישט מער ווי א 'פאנטאזיע'.

דעריבער איז גאר דערפרייענד צו זען אז א גאר צענטראלער און וויכטיגע טייל פון די 'פאנטאזיע', איז שוין ווירקליך א רעאליטעט און א פאקט, און די ערשטע פאזע דערפון איז דער הערליכער 'קינדער פארק' וואס שטייט שוין גרייט פיקס-פארטיג צו קענען געעפנט ווערן כלול בהדרו אין דעם קומענדיגן פרילינג, ווי נאר דער ווינטער וועטער הייבט אן נאכצולאזן.

אייגנטליך וואלט זיך בעסער געפאסט דאס צו רופן "קינדער פארקס", וויבאלד דאס איז אייגנטליך א נעץ פון פיר באזונדערע קינדער פארקס, אויסגעשטאט מיט אלע צוגעהערן און איינריכטונגען וואס פארלאנגט זיך צו קענען אהערשטעלן א דבר השלם לטובת די פילע טויזנטער קינדערלעך בליעה"ר פון די הייליגע שטאט.

ווי שוין ערקלערט אין די פראכטפולע "רוח החיים - קור ארט" אילוסטראציע וואס איז ארויסגעשיקט געווארן דעם פארגאנגענעם פסח העעל"ט, געפינען זיך די פארקס בגלילות קרית יואל אויף א ריזיגן שטח וואס געהערט צום ווילידזש, ארומגענומען מיט אן אויג-פארכאפנדע פאנאראמע,

(פארזעצונג אויף זייט 18)

## טויזענטער איינוואוינער באטייליגן זיך אין קריטיש וויכטיגן "פלו קליניק", צוגעשטעלט דורך "עזרת חולים העלט צענטער"

**צוגעלייגט געווארן נאך דריי מאל, זונטאג וארא, זונטאג בא, און זונטאג בשלח צוליב געוואלדיגן פארלאנג - איבערפלוס פון איינוואוינער שטייגט איבער אלע ערווארטונגען - גאווערנאר קאומא דערקלערט א "פאבליק העלט עמוירזשענסי" צוליב פלו עפידעמיע**

פארגאנגענעם שב"ק פר' וארא, יאנואר 10 למספרם, האט גאווערנאר קאומא דערקלערט א "פאבליק העלט עמוירזשענסי" צוליב דעם אויסטערליש שטארקן אויסברוך פון א פלו עפידעמיע, וואס האט שוין אפגעקאסט 20 יונגע קרבנות ל"ע בלויז אין ניו יארק אליין.

די "אינפלוענזע", באקאנט אלס "די פלו", ברענגט אום יערליך צענדליגער טויזנטער מענטשן רח"ל אין די פאראייניגטע שטאטן — צווישן די יארן 1976 און 2006 זענען ל"ע געשטארבן צווישן 3,000 און 49,000 מענטשן יערליך צוליב די פלו — און דאקטוירים טוען שטרענג רעקאמענדירן אז מ'זאל נעמען יעדעס יאר דעם קריטיש וויכטיגן "פלו איינשפריץ" [פלו שאָט], וואס שפריצט אריין א וואקסין אינעם מענטש וועלכעס טוט בע"ה באקעמפן די פלו אין די סעקונדע וואס מ'ווערט אנגעשטעקט דערמיט, און אזוי פארמיידט עס פון די פלו זיך צו אנטוויקלען און קראנק מאכן דעם מענטש.

היי יאר קומט פאר א גאר זעלטענער אויסברוך פון די פלו קראנקהייט אין זייער א גרויסן טייל פון אמעריקע, אריינגערעכנט ניו יארק. פאריאר זענען איבער'ן גאנצן יאר געווען נישט מער ווי 4,404 פלו קראנקע אין ניו יארק,

(פארזעצונג אויף זייט 15)

# תושבי "שכונת ברך משה" ענטוזיאסטיש נאך פאזיטיווע פארשריט צו פארענדיגן גיגאנטישן ביהמ"ד החדש "ישמח משה דקהל יטב לב ד'סאטמאר"

**נייע פארשריט ערמעגליכט דורך שאפן גרעסערע הלוואות בהשתדלות הנהלת הקריה - פארזעצענדע ארבייט געצילט אויף צו קענען זיך אריינציען אינעם נייעם ביהמ"ד אויף יו"ט פסח הבעל"ט - עסקנים אפעלירן פאר פינאנציעלע הילף צו קענען דעקן די אומגעהויערע הוצאת לגמר הבנין בעזהשי"ת**



שכונת ברך משה, קרית יואל – ווי שוין באריכטעט געווארן באריכות אינעם פריערדיגן 'הקריה', האבן די הונדערטער תושבים אינעם נייעם "שכונת ברך משה" מיטגעלעבט גאר א דערהויבענעם חודש תשרי העעל"ט, מיטן צייטווייליגן עפענונג פונעם פראכטפולן בית המדרש החדש 'ישמח משה' דקהל יטב לב ד'סאטמאר, פאר די תפלות און מאורעות פון די ימים נוראים שנת תשע"ג און ארום.

ווי באקאנט איז 'שכונת ברך משה' ב"ה אויסגעשטיגן אלס א באזונדערע הערליכע געגנט אין קרית יואל, וואס וועט עווענטועל גרייכן צו זיין דער אכסניא פון אריבער פיר הונדערט גרויסע משפחות. דאס איז אוודאי די שענסטע נחת ועל שמו ולזכרו פון מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע, וועלכער האט כל ימיו געאטעמט מיט קרית יואל, און מיט מסירת נפש געהארעוועט אז די שטעטל וואס איז נתייסד געווארן דורכ'ן הייליגן פעטער איתן אדונינו מרן רביהקוה"ט זי"ע זאל האבן א קיום והמשכה.

נאך מיט עטליכע יאר צוריק, ווי נאר די הנהלת הקריה האט געארבייט מיט די בוי-מייסטערס צו אנטוויקלען די באדנס אלס א צוקונפטיגע נייע געגנט, איז תיכף גענומען געווארן אין באטראכט, אז דערצו ברויך מען אויך ווידמען א באדייטנדע שטח אויף צו קענען בויען דערויף א ביהמ"ד, ווי עס פאסט פאר אזא ריזיגע געגענט, וואס זאל דינען פאר די הונדערטער תושבים אויף א באקוועמען אופן, אויפן זעלבן נוסח וואס די תושבי קרית יואל זענען שוין היינט געוואונט צו זעהן, ווי אין אלע ווינלקען שטייען מיט פראכט די הערליכע קהל'ישע בתי מדרשים, לשביעת רצון פון די מתפללים.

אזוי ווי די ערשטע תושבים האבן זיך אנגעהויבן אריינצוציען אויף "שכונת ברך משה", האט די הנהלת הקריה קודם אהערגעשטעלט א צייטווייליגן ביהמ"ד און זיך אריינגעצויגן אינעם בעיסמענט פון 2 פראנקפורט רד. וואס זאל דינען אלס מקום תורה ותפלה ביז צום אויפבוי פונעם עמטליכן ביהמ"ד. דער ביהמ"ד איז אוועקגעשטעלט געווארן בפקודת כ"ק מרן רבינו שליט"א על שמו פון מרן הגה"ק בעל ישמח משה זצ"ל, דער אבי השושילתא קדישא ונזר עטרת תפארת משפחת רבותינו הקדושים עצי התמרים זי"ע. צו דער זעלבער צייט האבן זיך געיאוועט עסקנים תושבי השכונה אינאיינעם מיט דרויסנדיגע עסקנים, אהערצושטעלן א מקוה טהרה, וואס דינט צייטווייליג פאר די תושבי השכונה, צום באנוץ פון שבת אינדערפרי פארן דאווענען כמנהג אבותינו ורבותינו הק'.

אינצווישן האט מרן רבינו שליט"א ממנה געווען חדב"ן הגה"צ רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א מורה צדק אלס רב הביהמ"ד, וועמענס התמנות האט אריינגעברענגט א פאזיטיווע ענדערונג אינעם גאנצן געגענט בכלל, און אינעם

(פארזעצונג אויף זייט 27)

# 7'טע פאזע פון סיידוואלק פראיעקט פולקאם פארטיג, צום צופרידנהייט פון די איינוואוינער

**גענדיגט אלע סיידוואקס און דאס צוריקשטעלן פריוואטע "מיסט-הייזער" אויף גאסן פון טעילאר, פילמאר, סטראפקוב, און אוהעל - אין צוקונפט זיין געווארנט ביים בויען "מיסט-הויז" אד"ג, נישט צו בויען צו נאנט צום סיידוואלק**

דעם פארגאנגענעם מיטוואך ויגש, דעצעמבער 19 למספרם, איז ענדליך פולקאם פארטיג געווארן "פאזע 7" פון דעם מאסיוון "סיידוואלק פראיעקט" וואס דער ווילידזש האט אונטערגענומען מיט א צייט צוריק, צו רענאווירן און איבערבויען אלע עלטערע גאסן אין קרית יואל, וואס מען האט דרינגענד געמוזט גענצליך איבערמאכן צו קענען קעגנקומען דעם געברויך פון אלע איינוואוינער און דורכגייער אויף די באטרעפנדע גאסן.

די יעצטיגע ארבעט פון פארטיגן דעם פראיעקט, האט פארלאנגט דאס איבערבויען פון די פריוואטע "מיסט הייזער" וועלכע זענען געווען געבויעט אויפ'ן ווילידזש'ס פראפערטי, און האבן געדארפט צעווארפן ווערן ביים "סיידוואק רענאוואציע פראיעקט" אויף די גאסן פון אוהעל, סטראפקאוו, טעילער און פילמאר.

ווי עס איז שוין געווען באריכטעט אין פריערדיגע אויסגאבעס פון "הקריה", איז בשעת די ווילידזש האט אנגעהויבן די רענאוואציע ארבעט אויסצוברייטערן די ראודס און איבערמאכן די סיידוואקס פון די דערמאנטע גאסן, האט מען געדארפט דאן אראפנעמען די פריוואטע מיסט הייזער וואס מענטשן האבן געבויעט אויף די גראז אד"ג אויפ'ן שטח וואס באלאנגט פאר'ן ווילידזש, וויבאלד דאס איז ווייניגער פון 10 פיס אריין פונעם קוירב.

די ווילידזש האט געהאט באקומען א גרענט פון די רעגירונג אויף דעם גאנצן ראוד און סיידוואק פראיעקט, און מ'האט געהאפט אז ווען די רעגירונג וועט באצאלן פאר אלעם וועלן זיי אויך באצאלן איבערצובויען די פריוואטע מיסט הייזער וואס די פראפערטי אייגענטומער האבן געהאט געבויעט פאר זיך, וואס דאס אליין האט אריינגעצויגן אין קאסטן פון $150,000.

למעשה ווען ס'איז געקומען צו באצאלן דעם גרענט, האט די סטעיט רעגירונג איבערגעקוקט דעם גאנצן פראיעקט כדי דאס צו באשטעטיגן, אבער אנקומענדיג צום פאזע פון די מיסט הייזער האבן זיי זיך אנטזאגט דאס צו באצאלן, וויבאלד דאס איז נישט אויפ'ן אחריות פונעם ווילידזש, ווייל עס האט זיך געפינען אויפ'ן ווילידזש פראפערטי און נישט אויף די אייגנטימער'ס שטח, במילא האבן די אייגנטימער נישט געהאט קיין רעכט צו בויען לכתחילה דארט דעם מיסט-הויז, און די ווילידזש האט דאס יעצט געמוזט אראפנעמען אָן עס צו דארפן ערזעצן, כדי צו קענען דורכצופירן די רענאוואציע ארבעט.

די סטעיט האט געהאט א דאפלטע טענה: ערשטנס אז זיי זענען נישט בארעכטיגט לויט'ן געזעץ דאס צו באצאלן, וויבאלד ס'איז נישט די אחריות פונעם ווילידזש, און צווייטנס אז זיי האבן נישט דאס געלט דאס צו באצאלן און דאס איז נישט געווען אריינגערעכנט אינעם פראיעקט.

אבער אזוי ווי די געטרייע הנהלת הווילידזש האט נישט געוואלט אויפגעבן אויף דעם חלק פונעם גרענט, נישט וועלנדיג אז די אייגנטימער זאלן דאס דארפן באצאלן פון זייער אייגענעם טאש אויב מ'קען דאס פארמיידן, האט מען זיך דעריבער אראפגעזעצט מיט לעגאלע עקספערטן צו זעהן א וועג וויאזוי מ'קען אויסארבעטן אז די רעגירונג זאל יא זיין "בארעכטיגט" צו באצאלן דערפאר, און נאכדעם וואס

(פארזעצונג אויף זייט 27)

# אינטענסיווע צוגרייטונגען צו אינסטאלירן א מאכטפולן גריינדער סיסטעם ביים סוער פאמפ סטאנציע

**נאכפאלגנדיג מיט א צווייטע פראיעקט פון איבערטוישן דעם ביז היינטיגן סקרינער צו א נייעם מאדערנעזירטער**

ס'איז אנצונעמען אז ווייניג תושבי קרית יואל האבן שוין אמאל געהערט זאגן פון א "גריינדער", ווער רעדט נאך פון א "סוער גריינדער", און סתם אזוי איז עס נישט עפעס וועמען עס קומט אזא כבוד פון קריגן א פולשטענדיג-באזונדערע נייעס מיט אן אייגענעם קעפל אין אזא פרעסטיזשפולע אויסגאבע ווי "הקריה", אבער דאס איז נאר ווי לאנג מען ווערט געוואויר פונקטליך וואס א "סוער גריינדער" איז, און ווי גרויסארטיג עס איז די נייעס אז ענדליך גייט מען שוין אט אט צוטרעטן צו די לאנג ערווארטעטע ארבעט פון אויפשטעלן דעם "סוער גריינדער" נעבן דעם גיגאנטישן "סוער פלענט" פון קרית יואל.

פאקטיש שפילט דער נייער "סוער גריינדער" א צענטראלע ראלע אין דאס ערמעגליכן די ווייטערדיגע הרחבת גבולי הקדושה פון די הייליגע שטאט קרית יואל, וועמענ'ס פענאָמענאַלער בליה און וואוקס איז שוין לאנג נישט קיין נייעס, אבער נאך אלס א דערפרייענדער פאקט, און דאס הארץ הערט נישט אויף צו וואקסן אינאיינעם מיט די מאיעסטעטישע בילדער פון בוי-אקטיוויטעטן אין אלע עקן פון דער עיר כלילת יופי.

אבער ווי תושבי קרית יואל זענען שוין היינט גוט באקאנט, איז א "סוער פלענט" א קריטיש וויכטיגער באשטאנדטייל אין קענען באקומען די לעגאלע פערמיטן צו בויען פרישע הייזער, בתים נאמנים לה' ולתורתו

(פארזעצונג אויף זייט 25)



# הנהלת הקריה נעמט אונטער מאסיווע הרחבת גבולי הקדושה אנהייבנדיג דעם 'אנעקסעישאן פראצעדור'

מיט גרויס אינטערעסע טוען תושבי קרית יואל אויפנעמען די נייעס איבער די פרישע שריט מצד די הנהלת הקריה, אויף צו פארברייטערן די גבולי הקדושה דורכ'ן איינפעדימען דעם גרויסארטיגן פראיעקט, באקאנט מיט די ליגאלע טערמין אלס 'אנעקסעישאן'.

'אנעקסעישאן' איז דער טערמין וואס באצייכנט דעם שווער-פארוויקלטן פראצעדור פון אריבערפירן שטחים, וועלכע זענען ביז היינט אונטער די פירערשאפט פון איין מוניציפאליטעט און דאס אריבערפירן אונטער א צווייטן רעגירונג, אין דעם פאל אריבערפירן שטחים פון טאון און זיי אריבערברענגען אלס ווילידזש-לאנד, מיט וואס די שטחים פאלן אונטער די יוריסדיקציע פונעם קרית יואל ווילידזש, און ווערן דערמיט א טייל פונעם עיר עוז לנו 'קרית יואל'.

כדי בעסער צו פארשטיין וואס דער באדייט פון אזא מאסיווע אונטערנעמונג באדייט, איז וויכטיג אביסל איבערצופרישן די היסטאריע פונעם 'קרית יואל ווילידזש' און אדורכגיין אין קורצן פארשידענע פאזעס דורכאויס די יארן, כדי אנצוקומען ווי מיר שטייען היינט בעזהשי"ת, און פון דארט איבערגיין די ווייטערדיגע פלענער אויף הרחבת גבולי הקדושה בעזהשי"ת (א לענגערע שילדערונג איבער די השתלשלות פון התייסדות קרית יואל, איז געדרוקט אינעם הערליכען ספר 'רצון צדיק' ארויסגעגעבן דורך דעם לעגענדארן ראה"ק און מנהל מוסדות סאטמאר, הרה"ח ר' לייבוש לעפקאוויטש ז"ל וועלכער איז געשטאנען בראש המערכה ביים גרינדונג פונעם שטעטל, אויסצופירען רצון קדשו פון רביה"ק ז"ל און מיט דעם זוכה געווען צו פארשאפן פארן רבי'ן א זעלטענעם נחת רוח, ר' לייבוש איז אויך געווען דער ערשטער מעיאר פונעם קרית יואל ווילידזש פון איר גרינדונג, יהא זכרו ברוך).

### התיסדות קרית יואל דורך מרן רבינו הקוה"ט זי"ע

ווי באקאנט האבן די ערשטע תושבים זיך ארויסגעצויגן אויף קרית יואל, וועלכע איז נאך דאן געווען א טייל פונעם 'טאון אוו מאנרא', אום חודש אלול תשל"ד. דאס איז געקומען נאך לאנגע יארן און שווערע הארעוואניע פון די ראשי הקהלה, בשליחות הקודש פון כ"ק מרן רביה"ק זי"ע, וועלכער האט פונעם ערשטן טאג פון די גרינדונג פון די קהלה על אדמת אמעריקע, כסדר פארלאנגט און פארארבעט פעולות אהערצושטעלן פאר אנשי שלומינו א מקום מיוחד, אפגעזונדערט פון די שטאט און טריפה'נע אמעריקע, וועלכע זאל דינען ווי אן אינזל אינמיטן א רוישיגן ים, צו קענען מגדל זיין די

(פארזעצונג אויף זייט 21)




די היינטיגע גרעניצן פון קרית יואל ווילידזש

# קרית יואל ווילידזש באקומט גאר גינסטיגע קרעדיט רעיטינג פון A-

**הויכע קרעדיט ראטע פון S&P שטייגט איבער אלע ערווארטונגען - צייגט אנערקענונג פאר העכסט געלונגענע ווירטשאפט בעז"ה**

צום ערשטן מאל זינט די גרינדונג פונעם קרית יואל ווילידזש, האט דער ווילידזש באקומען אזא הויכע קרעדיט רעיטינג פון איינעם פון די גרעסטע קרעדיט רעיטינג פירמעס, און תלי"ת האט עס איבערגעשטיגן אלע ערווארטונגען, אין א קלארן צייכן אויף די געניטע און אויסגעצייכנטע ווירטשאפט מיט וואס דער ווילידזש ווערט געפירט.

ווי באקאנט איז "קרעדיט" דער סאמע יסוד אין די וועלט פון פינאנץ. אן קיין קרעדיט קען מען זיך נישט רירן אין ערגעץ, און וואס בעסער די קרעדיט ראטע אלס בעסערע פרייזן קען מען קריגן ביים גיין זוכן צו בארגן געלט אדער קויפן סיי וואס אויף קרעדיט. א גוטע קרעדיט ראטע איז אויך אן עדות אויף די אחריות'דיגע ווירטשאפט פונעם באטרעפנדן, וואס אסאך פירמעס זוכן היינט צו באקומען די קרעדיט ראטע פאר פארשידענע זאכן וואס זענען נישט צוגעבינדן צו קרעדיט, אבער זיי ווילן האבן אן אלגעמיינעם בליק איבער מיט וועמען זיי האנדלען.

צוליב די שטארקע וויכטיגקייט פון קרעדיט זענען אויסגעשטיגן א רייע ריזיגע קרעדיט פירמעס אין אמעריקע, וועלכע געבן זיך אפ מיט אפשאצן און באשטימען די קרעדיט ראטעס פון פארשידענע פראדוקטן. פאר אינדיווידועלע מענטשן זענען פארהאן בעיקר די דריי גרויסע קרעדיט ריזן: 'עקספיריען', 'עקוויפעקס', און 'טראנס-יוניאן'. אבער ביי קאמערציאלע פירמעס, ווי אויך ביי רעגירונגען און ענליכע אפיציעלע ארגאניזאציעס, איז פארהאן בעיקר די דריי קרעדיט ריזן פון 'עס-ענד-פי' (S&P), מודי'ס (Moody's), און 'פיטש' (Fitch).

יעדער פון די פירמעס האט ספעציעלע שטרענגע פראצעדורן וויאזוי זיי שאצן אפ אן ארגאניזאציע צו באשטימען זייער קרעדיט ראטע. זייער פראצעס אין באצוג צו באשטימען א קרעדיט ראטע פאר מוניציפאליטעטן באשטייט פון נאכקוקן גאר גרונטליך פיר הויפט פונקטן:

1) בראש וראשון קוקן זיי אויף די עקאנאמישע און דעמאגראפישע פאקטארן, ווצב"ש די דורכשניטליכע ווערד פון א הויז אין די געגנט; וויאזוי דער מוניציפאליטעט באקומט אריין זיינע פארדינסטן (ווצב"ש סעילס טעקס, פראפערטי טעקס, אדער אנדערע מעטאדן); ווי הויך איז די ארבעטסלאזיגקייט ראטע אונטער דער מוניציפאליטעט; וויפיל מענטשן וואוינען דארט, וואס איז דער פארגעזעענער וואוקס, אא"וו.

2) בודזשעט און פינאנצן. זיי קוקן איבער צי דער מוניציפאליטעט באהאנדלט גוט זיינע פינאנצן, און צי זיינע פאראויסגעשאצטע בודזשעטן פאר א צוקונפטיגן יאר שטעלן זיך טאקע ארויס אלס ריכטיג אין ענדע יאר, וואס צייגט אז די פינאנצן זענען גוט אויסגערעכנט; ווי אויך צב"ש אויב ס'איז דא געלט אוועקגעלייגט אין רעזערוו פאר פראבלעמען וועלכע קענען אונטערקומען.

3) די ווירטשאפט. זיי לייגן א שטארקן דגוש צו זעהן אויב דער מוניציפאליטעט קען זיך גוט אפגעבן מיט פירן די ווירטשאפט אין א געזונטע

(פארזעצונג אויף זייט 9)

עצו עצה ותופר דברו ולא יקום, כי עמנו ק-ל:

# לאנג פארצויגענע פעדעראלע אנקלאגע פון מוסרים אין שפיץ פון אלייענס גרופע גענצליך ארויסגעשליידערט פון אלע געריכט הייזער

**דער 'יונייטעד סטעיט קאורט אוו אפיעלס' זאגט 'ניין' צו די לעצטע רונדע פון געריכטליכע אנקלאגעס**
**אויפצולעזן דעם 'קרית יואל ווילידזש', צוטיילנדיג א הילכיגן דורכפאל פאר די טרויעריג-בארימטע אלייענס**

תושבי קרית יואל האבן פארגאנגענעם דינסטאג פרשת תולדות כ"ח חשון תשע"ג, פריי אפגעאטעמט נאכ'ן ערהאלטן די פרייליכע בשורה, אז דאס העכסטע שטאפל פונעם 'יונייטעד סטעיטס קאורט אוו אפיעלס', האט ענדגילטיג דערלאנגט דעם מכה בפטיש פאר די אומפארשעמטע מוסרים פון די אלייענס, ארויסשליידערנדיג זייער פארלאנג, אומצואווארפן דאס וואס די נידריגערע ריכטער האבן פריער געאורטיילט לטובת דעם 'ווילידזש אוו קרית יואל' און אירע פארטרעטער.

ווי באקאנט האט זיך ליידער אפגעשפילט אין די לעצטע אנדערהאלבן יאר א ווייטאגליכע פרשה, ווען א באקאנטע גרופע מוסרים, אנגעפירט דורך די א.ג. 'קעי-דזשעי אלייענס', פארטרעטן דורכ'ן טרויעריג-בארימטן מייקל סאסמאן, וועלכע זענען שוין ברייט-באקאנט מיט זייערע לאנגיעריגע קייט פון אויסטיילן צרות פאר תושבי קרית יואל, האבן אריינגעפירט אן אומגלויבליכע מסירה אין פעדעראלן געריכט קעגן די הייליגע שטאט קרית יואל, ווי זיי האבן אן קיין בושה געפאדערט פונעם גוי'אישן ריכטער אויפצולעזן דעם "ווילידזש אוו קרית יואל", אז מ'זאל דארפן צוריקגיין אונטער'ן טאון אוו מאנרא, ווי ס'איז געווען אין די בראשית יארן פונעם שטעטל ביז תשל"ז, פערזענליך אנקלאגנדיג דערביי די געטרייע ווילידזש פארטרעטער און פארשטייער.

וויפיל מ'טראכט נאר אריין, קוקט עס נאך אלץ ענדערש אויס ווי א חלום, ס'לייגט זיך פשוט נישט אויפ'ן שכל אז אזא פינסטערע פלאן זאל פאקטיש האבן פאסירט אין די ווירקליכקייט, אז אידן, וואס ווילן זיך פאררופן אלס אזעלכע וואס קלאמערן אין די דרכים פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע, זאלן זיך דערקייקלען צו אזא נידריגע מצב רח"ל, ביז אזוי ווייט אויף צו קענען אריינטראגן מסירות קעגן ערליכע אישי הציבור אין גוי'אישן געריכט אן קיין היתר בי"ד, דערצו מיט אזא אומגלויבליכע תביעה, פארלאנגענדיג אויפצולעזן דעם אייגענעם 'ווילידזש' און דערביי חרוב מאכן די גאנצע הארעוואניע, וואס רביה"ק והטהור זצוק"ל האט אויפגעשטעלט מיט מסירת נפש בשארית כוחותיו, אלעס צוליב אייגענע אינטערעסן און פאליטישע נגיעות.

דער עלטערער ציבור בעה"ב תושבי

(פארזעצונג אויף זייט 9)

# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • **Tel.** 845.782.3242 • **Fax:** 845.783.7133

***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman

בס"ד

# בשורה טובה תדשן עצם

עס איז אונז א גרויס פארגעניגן צו מעלדן
אז מיר טוען צושטעלן פאר אלע אונזערע פאציענטן דעם גאר וויכטיגן

## סליידינג פי
## (Sliding Fee)
## פראגראם

צוגעשטעלט פאר אומשטענדן און/אדער פאציענטן וועלכע ווערן נישט געדעקט דורך אינשורענס פאר סיי וועלכע סיבה, ווי למשל:

- **פראצעדורן וועלכע ווערן בכלל נישט באצאלט דורך אייער אינשורענס.**
- **בחורים, זומער איינוואוינער, אדער באזוכער פון אויסער די שטאט, וועלכע האבן נישט קיין היגע אינשורענס.**
- **איר טרעפט זיך פאר סיי וועלכע סיבה אן אינשורענס.**

מען קען אויסארבעטן מיט אונזער בילינג דעפארטמענט צו צאלן ספעציעל ביליגע פרייזן, נאכ'ן צושטעלן די נויטיגע דאקומענטן, און געוואנדן לויט די יערליכע פארדינסט אד"ג.

איינמאל מען שרייבט זיך איין אין דעם פראגראם, איז מען בארעכטיגט צו געניסן דערפון במשך דעם גאנצן יאר. מען דארף יעדעס יאר באנייען די אפליקאציע צו קענען געניסן פון אונזער פראגראם.

---

באזונדער איז איינגעשטעלט געווארן דער

## פראמפט פעי דיסקאונט
## (Prompt pay discount)
## פראגראם

פאר פאציענטן וועלכע זענען נישט בארעכטיגט צו די "סליידינג פי" פראגראם

אויב באצאלט מען די גאנצע קאסטן אויפ'ן פלאץ פאר סיי וועלכן פראצעדור (מיט געציילטע אויסנאמען), באקומט מען א **30% דיסקאונט!**

DESIGN & PRINT / 845.782.3382

**פאר מער דעטאלן
איבערביידע פראגראמען
ביטע זיך פארבינדן
מיט אונזער בילינג
דעפארטמענט אויף**

**845-782-3242 #8**

מיט דאנק
# הנהלת עזרת חולים

# הונדערטער פאציענטן געניסן פון נייע "סליידינג פי" און "פראַמפּט פּעי דיסקאַונט" פראגראמען אין 'עזרת חולים העלט צענטער'

**געצילט צו העלפן רעדוצירן פרייז פאר וויזיטן און פראצעדורן נישט געדעקט דורך אינשורענס**

מיט גרויס פרייד האבן קרית יואל'ער איינוואוינער אויפגענומען די נייעס פונעם 'עזרת חולים העלט צענטער' איבער די נייע "סליידינג פי" (Sliding fee) און "פראמפט פעי דיסקאונט" (Prompt pay discount) פראגראמען וועלכע זענען איינגעשטעלט געווארן די לעצטע מאנאטן אינעם צענטער, געצילט צו פארלייכטערן פאר פאציענטן צו קענען באצאלן די קאסטן פון וויזיטן און פראצעדורן אין פעלער וואס עס ווערט נישט געדעקט דורך אינשורענס.

טראץ וואס אין אלגעמיין איז כמעט יעדער אויסגעזארגט מיט 'העלט אינשורענס' אדער אנדערע רעגירונגס פינאנצירטע דעקונג מיטלען אויף צו באצאלן פאר די נויטיגע פראצעדורן און וויזיטן ביים באזוכען א דאקטאר אדער דענטיסט, פארט מאכט זיך אמאל אונטער פארשידענע אומשטענדן אז מען טרעפט זיך צייטווייליג אָן דעקונג, אזוי אויך זענען פארהאן געוויסע פראצעדורן וועלכע ווערן נישט געדעקט דורך אינשורענס, אד"ג, א זאך וואס שטעלט דעם פאציענט און די משפחה אין א מצב וואס דער וויזיט ברויך באצאלט ווערן מיט קעש.

אומגעדעקטע וויזיטן קענען צומאל ארייגשלעפן דעם פאציענט אין גאר הויכע קאסטן וואס אין געוויסע פעלער איז דאס ממש אוממעגליך צו באצאלן, און דאס ברענגט פאציענטן צו פארנאכלעסיגן וויכטיגע פראצעדורן, אדער האלט עס אפ גאנצעטע משפחות פון באזוכען א דאקטאר אין די זמנים אדער מצבים וואס די משפחה האט נישט קיין פולשטענדיגע אינשורענס דעקונג, און אין רוב פעלער פאראורזאכט דאס נאכפאלגנדע גרויסע פראבלעמען, און אסאך עגמת נפש.

פאר דעם צוועק האט עזרת חולים אהערגעשטעלט דעם 'סליידינג פי' פראגראם, וועלכע העלפט פאציענטן דורך דראסטיש רעדוצירן זייערע מעדיצינישע קאסטן, געוואנדן אין דעם יערליכן פארדינסט און די גרויסקייט פון די משפחה.

אין טייל פעלער קענען 'סליידינג פי' געניסער רעדוצירן גאר טייערע אויסגאבן צו מינימאלע צוואנציג דאלאר'דיגע אפצאלן, און אין אנדערע פעלער שניידט דער פראגראם די קאסטן מיט פערציג ביז זעכציג פראצענט.

באזונדער איז דער פראגראם זייער הילפבאר, פאר ישיבה בחורים תלמידי המתיבתא פון אויסער די שטאט, ביי וועמען טייל אינשורענס פירמעס דעקן נישט די קאסטן פאר סערוויסעס צוגעשטעלט אינדרויסן פון די אריגינעלע פאליסי, א זאך וואס פארשווערט זייער פאר א בחור וועלכער דארף באזוכן א דאקטאר אדער דענטיסט. צומאל באדייט דאס לאנגע שעות פון ביטול תורה ווען דער בחור ברויך ארייןפארן אין די שטאט פאר א דאקטאר'ס באזוך.

די זעלבע איז מיט פאציענטן וועלכע וואוינען נישט אין קרית יואל, ווי זומער איינוואוינער אדער סתם באזוכער, וואס זייער אינשורענס דעקט נישט קיין "אויסער די שטאט" סערוויסעס, פאר אזעלכע איז דער 'סליידינג פי' זייער בייהילפיג. אין רוב פעלער קען דער פאציענט באזוכן א דאקטאר אדער דורכגיין א ציין פראצעדור פאר א מינימאלן אפצאל, שפארנדיג געלט און צייט פון טראנספארטאציע און אנדערע אומאנגענעמליכקייטן.

דער פראגראם דעקט אויך אזוינע פראצעדורן ביי וועלכע אינשורענס דעקט נאר טייל אדער גארנישט דערפון, און דער פאציענט בלייבט מיט א באלאנס וואס קען צומאל ארייגשלעפן אין גרעסערע געלטער. [עס זענען פאראן געציילטע סערוויסעס וועלכע ווערן דערווייל נישט אריינגערעכנט אינעם 'סליידינג פי' פראגראם און דארפן פולקאם באצאלט ווערן].

משפחות אדער פאציענטן וועלכע ווילן געניסן פון די 'סליידינג פי' פראגראם ברויכן צושטעלן די נויטיגע דאקומענטן, און עס באנייען איינמאל א יאר. עס איז שטארק ראטזאם זיך אנצושליסן אינעם פראגראם פון פאראויס איידער עס פאסירט ח"ו א מעדיצינישע עמוירדזשענסי אדער איר דארפט האבן א באלדיגע אפוינטמענט, כדי צו וויסן פון פאראויס אונטער וועלכע קאטעגאריע איר גייט אריין, און פארלייכטערט דאס באצאלן באלד

(פארזעצונג אויף זייט 16)

# "דענטאַל" אָפּטיילונג אין "עזרת חולים העלט צענטער" ווערט דראסטיש פארגרעסערט מיט 3 נייע דענטיסט צימערן

**פארברייטערטער "אָרטאָדאַנטיקס" אפטיילונג רופט ארויס גרויס ענטוזיאזם**



די נייע דענטאל צימערן ווערן אויסגעשטאטעט מיט אלע נויטיגע עקוויפמענט

אין די לעצטע יארן איז די אימערמידליכע הנהלה פון "עזרת חולים העלט צענטער" באוואוסטזיניג צום גרויסן און וואקסנדן פראבלעם אז אַדאַנק די ערשטקלאַסיגע סערוויס און געוואַלדיגן גוטן נאמען פון עזרת חולים'ס "דענטאַל" אָפּטיילונג הערשט דאָרט אַ שרעקליכער מאַנגל אין פלאַץ, אויף אַזוי ווייט אַז מען איז געוועזן געצווינגען אפצושפארן די פאציענטן ליסטע ווייל ס'איז געוועזן אוממעגליך אָנצונעמען נייע פּאַציענטן, און אויך די איצטיגע קליענטן זענען אַסאַך מאָל אויסגעשטעלט צו וואַרטן אַ לענגערע צייט אויף צו באַקומען אַ נישט-עמערזשענסי 'אַפּוינטמענט', אַ זאַך וואָס קען זעלבסטפאַרשטענדליך נישט ערלויבט ווערן אָנצוגיין, און מוז קריטיש פאַראַכטן ווערן.

דעריבער האט די הנהלה זיך אריינגעלייגט מיט אלע כוחות אויסצוברייטערן די "דענטאל" אפטיילונג, א פראצעס וואס ווערט נישט געטון פון איין מינוט אויף די אנדערע. אבער תלי"ת האלט מען שוין יעצט ביים שטאפל אז די שווערע הארעוואניע האט נושא פירות געווען, און מ'גרייט זיך שוין אט אט לברך על המוגמר, צו קענען עפענען די נייע צימערן און אויסברייטערן די באהאנדלונג'ס מעגליכקייטן, לשמחת לבם פון אלע תושבי קרית יואל.

מאָמענטאַל ווערט די "דענטאַל" אָפּטיילונג אויסגעברייטערט מיט 33%, דורך פאַרגרעסערן די צאָל באַהאַנדלונג'ס-צימערן פון 9 צו 12, און די אויפנאַמע פון עטליכע פרישע דענטיסטס, וואָס וועט עטוואָס פאַרגרינגערן די אומגעהויערע לאַסט פון די דאָקטוירים און נוירסעס אינעם אָפּטיילונג, און ערמעגליכן בעסער נאָכצוקומען דעם אויסטערלישן פאַרלאַנג וואָס הערשט פאַר די "דענטאַל" סערוויסעס אינעם צענטער, דאָס וועט שוין האָפנטליך זיין אָפּן בעת די שורות וועלן געליינט ווערן דורך תושבי קרית יואל.

אדאנק די נייע צימערן וועט אויך ערמעגליכט ווערן דאס אויסברייטערן דעם "אָרטאָדאַנטיסט" אפטיילונג צו א פארנעם וואס זאל קענען אויפנעמען מער פאציענטן און צושטעלן א בעסערע סערוויס, לויט'ן ניווא וואס פארלאנגט זיך פון א העלט צענטער וואס באדינט די עיר ואם בישראל, קרית יואל.

באזונדער ווערט אויפגענומען גאר פייערליך די נייעס אז אויסער די צוגעקומענע צימערן און פרישע דענטיסטס, טוט דער "עזרת חולים" אויך פארלענגערן די שעות וואס דער צענטער נעמט אויף פאציענטן. דער טאג אינעם דענטאל אפטיילונג ווערט איינגעטיילט אין צוויי שיכטן, דער ערשטער שיכט דענטיסטס און נוירסעס וועלן ארבעטן די ערשטע האלב טאג און דערנאך וועט אריינקומען דער צווייטער משמר וועלכער וועט ארבעטן אין די צווייטע העלפט טאג. דאס וועט

(פארזעצונג אויף זייט 16)

# שפּאָגל נייער "אַפּטאַמעטרי" אָפּטיילונג, מיט סטעיט-אָוו-די-ארט עקוויפמענט, וועט 'ליכטיג מאַכן די אויגן' פון תושבי קרית יואל

צום ערשטן מאל זינט דער אנטשטייאונג פון די הייליגע שטאט קרית יואל ווערט לאקאל געעפנט א פולקאמערשפאגל-נייער "אפטאמעטרי" אפטיילונג, אין א באזונדערע פליגל אינעם צווייטן שטאק אינעם העלט סענטער, מיט 3 גרויסע באקוועמע צימערן וואס וועלן ארויסהעלפן די קרית יואל'ער איינוואוינער וועלכע דארפן אנקומען צו דאקטוירים איבער אויגן פראבלעמען.

שוין יארן וואס תושבי קרית יואל בעטן זיך "למה נגרע". עס איז געווען ממש א בושה אז אזא עיר גדולה לאלקים זאל נישט קענען געהעריג סערווירן אירע איינוואוינער מיט דעם קריטיש וויכטיגן סערוויס, וויבאלד "אפטאמעטרי" אינעם העלט צענטער איז געווען אויסטערליש באגרעניצט, מיט נאר איין צימער און באגרעניצטע סערוויסעס, צוליב מאנגל אין פלאץ, וואס האט געצווינגען די קרית יואל'ער תושבים זיך צו שלעפן איבער די לענג און ברייט פון ניו יארק פאר אויגן באהאנדלונגען. פארשטייט זיך אז דאס האט אויך געפירט אז פילע תושבים האבן פשוט אפגעלייגט אויגן פראבלעמען פאר 'ווען איך וועל האבן איבריג צייט', וואס קומט געווענליך קיינמאל נישט אן...

אצינד וועט דער אנגעווייטאגטער פראבלעם קומען צו אן ענדע בע"ה, מיט די עפענונג פון די נייע פארברייטערטע "אפטאמעטרי" אפטיילונג, און ענדליך וועט מען קענען געניסן פון אויגן-געזונטהייט סערוויסעס אויף א הויכן פראפעסיאנאלן ניווא אין צענטער פון די גרויסע שטאט. וועט פשוט ליכטיג מאכן די אויגן פון תושבי קרית יואל!

דער נייער אפטיילונג ווערט יעצט געפארטיגט אויף די צווייטע שטאק, וואו עס ווערן אויפגעבויט דריי שפאגל נייע שטיבער פאר די "אפטאמעטרי" אפטיילונג. די שטיבער וועלן זיין אויסגעשטאט מיט די בעסטע "סטעיט-אוו-די-ארט" מאשינען וואס זענען דא צו באקומען אויפ'ן מארקעט, און דאס וועט בע"ה פארזיכערן אז דער דאקטאר זאל צושטעלן די בעסטע און פראפעסיאנאלסטע סערוויס פון העכסטן קוואליטעט.



די אנגייענדע קאנסטראקשן ארבייט אויפ'ן צווייטן שטאק, אהערצושטעלן דעם נייעם אפטאמעטרי אפטיילונג

# מצילי אש אַגענטור אויסשטאפירט מיט שפּאָגל נייעם 135 פיסיגן לייטער טראָק על כל צרה שלא תבוא

גאר גינסטיגע נייעס פאר תושבי קרית יואל ווערט געמאלדן פונעם ווילידזש, אז עס איז בעז"ה געלונגען איינצוהאנדלען א גאר וויכטיגן נייעם פייערלעשער טראָק, מיט א ספעציעל ריזיגן לייטער, פאר די מצילי אש פייער דעפּאַרטמענט צו דינען דעם שטאָט און זיין גרייט על כל צרה שלא תבא.

דאָס האָט מען געמוזט טאָן אַלס עמוירדזשענסי שריט, נאָכדעם וואָס דער ביז יעצטיגע לייטער טראָק - וואס האט געקענט גרייכן בלויז ביז 102 פיס אין די הייעך - איז קאַליע געגאַנגען, און פילע פון אירע אינערליכע עלעקטראָנישע סיסטעמען זענען רואינירט געוואָרן און עס איז שוין נישט שייך געווען עס צו פאַרריכטן, און קרית יואל האָט זיך דערזען פון איין מינוט צום צווייטן אָן אַ לייטער טראָק.

אַ לייטער טראָק איז גאָר וויכטיג ביים באַקעמפן אַ סטרוקטשור פייער און אָן דעם קען מען נישט לעשן קיין פייערן.

ווי נאָר דער פּאַנטשער האָט פּאַסירט, האָט דער ענערגישער פירער פונעם מצילי אש פייער דעפּאַרטמענט, ר' יושע בלומענטאַל הי"ו, זיך אַריינגעלייגט בעובי הקורה, און ביז געציילטע וואָכן איז פארגעשלאגן געוואָרן פאר'ן ווילידזש אן אויסוואל פון עטליכע טראקס וואס זאלן ערזעצן דעם געשעדיגטן טראק, נאכ'ן דורכגיין אלע דעטאלן און קאסטן איז אפגעקויפט געווארן דורך דעם ווילידזש דער נייעַר פייערלעשער לייטער טראָק, וואס איז גאר צוגעפאסט פאר די געברויכן פון

(פארזעצונג אויף זייט 31)

# הערליכער תקנות-זאל "אולם עקשטיין" פראכטפול פארשענערט

### פרישע רינגעלע אין וויטגרייכנדע פעולות פון "ועד החתונה תקנות שע"י קהל יטב לב ד'סאטמאר" – נדבת לבו פונעם יו"ר הועד, הרה"ח ר' יעקב אלי' רייזמאן שליט"א, ווילידזש טראסטי

שמחת וחתן כלה האט אין די טעג באקומען א שפאגל נייעם באדייט פאר די פילע חתנים און כלות, וועלכע באנוצן זיך מיט דעם היינט-שוין-בארימטן "אולם עקשטיין" חתונה זאל, ווען דער פאפולערער חתונה תקנות זאל' האט באקומען א ריכטיגע פנים חדשות, נאכדעם וואס דער זאל איז געווארן גענצליך אויפגעפרישט אין א גראנדיעזע אונטערנעמונג, וואס איז דורכגעפירט געווארן אין די לעצטע חדשים דורכ'ן בארימטן "ועד החתונה תקנות שע"י קהל יטב לב ד'סאטמאר".

פאר תושבי קרית יואל דארף מען נישט צופיל מאריך זיין אין שילדערן די 'חתונה' רעוואלוציע, אין פולן זין פון ווארט, וואס איז דורכגעפירט געווארן דורך "אולם עקשטיין". דער זאל וואס איז נישט נאר געווארן איינע פון די בריליאנטן אינעם פראכטפולן קרוין וואס דער "ועד החתונה תקנות" האט אהערגעשטעלט פאר די רבבות חסידי סאטמאר איבער דער גארער וועלט, נאר איז געווארן א גרונדשטיין און א פיאניר, וועלכעס האט געוויזן דעם וועג פאר אנדערע חסידות'ער און קרייזן אין די גאנצע וועלט, וועלכע האבן אלע געזוכט נאכצוקאפירן דעם סוקסעספולן איינשטעל פון דער רעוואלוציאנער געדאנק, אז מ'זאל קענען חתונה מאכן פאר א גאר נישטיגן סכום פון עטליכע טויזנט דאלאר פער מחותן.

זינט דער זאל איז אויפגעשטעלט געווארן דורכ'ן "ועד החתונה תקנות", האט עס שוין דא אין קרית יואל זעלבסט איינגעשפּאָרט מיליאנען דאלארן פון היגע תושבים, בלי שום גוזמא! שוין אפגערעדט דערפון אז דורכ'ן דינען אלס וועגווייזער פאר'ן יהדות החרדית האט קרית יואל זיך ווידעראמאל ארויסגעשטעלט אויפ'ן סאמע פראנט פון כלל ישראל, דאסמאל מיט'ן העלפן ברענגען אן ענדע צו די אומגעהויערע און אומדערהערטע הוצאות וואס מ'האט געזען אויפ'ן געביט פון חתונה מאכן, דער זאל איז אהערגעשטעלט דורך נדבת לבו פון הרה"ח מוהר"ר דוד

(פארזעצונג אויף זייט 10)

# ווילידזש טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט שטארק אנגעשטרענגט נאָכדעם וואָס צוויי באָסעס זענען אַרויס פון דינסט

אין די אָפיסעס פונעם טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט פונעם ווילידזש, איז די ארבעט שטארק אנגעשטרענגט נאָכדעם וואָס צוויי פון די מיני-באָסעס זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרן פון דינסט.

עס האַנדלט זיך פון די מיני-באָס טראַנספּאָרטאַציע סערוויס וואָס גייט שוין אָן צענדליגער יאָרן, און איז אַ געוואַלדיגע סערוויס פאַר קרית יואל, ספעציעל פאַר פרויען און קינדער וואָס נוצן דאָס אָנצוקומען צו אַלע עקן פון די שטאָט און אויך אָנצוקומען צו די שאַפּינג ערטער אינדרויסן פון די שטאָט. עס איז אַ גאָר נוצבאַרע סערוויס און דערמיט איז קרית יואל כמעט אייגנאַרטיג וואָרום ווייניג מוניציפּאַליטעטן האָבן אַזאַ ברייט פאַרשפרייטן מאַסן-טראַנזיט סיסטעם.

דער ווילידזש מיני-באָס טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט באַשטייט היינט פון פינף באָסעס און אַ שטאַב מיט געטרייע דרייווערס, וועלכע פאָרן אַרום טעגליך אויף עטליכע רוטס, טראָגנדיג און ברענגענדיג די תושבי קרית יואל צו זייערע דעסטינאַציעס. עס איז אַן אַפּאַראַט וואָס נעמט אַריין אַ גאַנצן שטאַב אינעם אָפיס פונעם ווילידזש, מען דאַרף זיך כסדר אָפּגעבן מיט די באָסעס, די אויפהאַלטונג, מסדר זיין די דרייווערס און די רוטס. עס איז אַ גרויסע אָפּעראַציע וואס ווערט אָנגעפירט מיט גרויס געניטשאַפט דורכ'ן געטרייען באַאַמטן מו"ה וואָלף פאָרקאָש הי"ו.

אָט האָט זיך געמאַכט אַ פּאַנטשער עטליכע וואָכן צוריק אין אַ מאָנטאָג טאָג. עס האָט פּאַסירט אַרום 10:00 צופרי, ווען דער מיני-באָס איז געווען אויפ'ן וועג צום וואָודבורירי קאַמאַנס, און איז געשטאַנען ביים עק פונעם סטעיט פּאָליציי ראָוד דאננענבערג רד. ביים צוזאַמטרעף מיט'ן רוט 32, ווען דער דרייווער איז אַלאַרמירט געוואָרן נאָכדעם וואָס מען האָט געשפירט אַ רויך ארויסקומען פונעם הונטערשטן טייל פונעם באָס.

די פּאַסאַזשירן זענען שנעל אַראָפּ פונעם באָס און זענען ב"ה אלע ארויס אומגעשעדיגט א דאנק דעם געטרייען דרייווער מו"ה דניאל פאלאטשעק הי"ו. מען האָט געעפנט דעם מאָטאָר אָפּטיילונג פונעם באָס און מען האָט געזען ווי עס שמעלצט אַ פייערל. מען האָט פּרובירט צו רופן הילף אָבער איידער די הילף איז אָנגעקומען האָט דער גאַנצער מאָטאָר אויפגעפלאַמט און דער הונטערשטער טייל פונעם באָס איז פאַרניכטעט געוואָרן. ווי עס שטעלט זיך אַרויס פון די שאַצונגען פון די אינשורענס פירמע איז דער באָס גאָר שווער געשעדיגט געוואָרן און עס לוינט נישט עס צו פאַרריכטן.

דאָס האָט באַלדיג געשאַפן אַ פּראָבלעם פאַר'ן ווילידזש טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט, וואָס איז פאַרערגערט געוואָרן דורך אַן עקסידענט וואָס האָט פּאַסירט אַ זונטאָג דערויף, וואָס האָט אַרויסגענומען נאָך אַ באָס פון דינסט.

די צווייטע עפיזאד האָט פּאַסירט ווען דער מיני באָס איז געפאָרן אויף סקאָנעמאָנק ראָוד, אינעם געגענט פונעם בית החיים, עס איז געווען אַ גליטשיגער צושטאַנד אויפ'ן שאָסיי, אויפן באַרג איז געשטאַנען אָפּגעשטעלט אַ באָס פון די מאָנראָ באָס פירמע. דער מיני-באָס דרייווער, האָט פּרובירנדיג אויסצומיידן פון אַריינקלאַפּן אינעם באָס פאַר און איז עטוואָס אַריינגעפאָרן אינעם קעגנקומענדיגן ליניע, אָבער פון די אַנדערע זייט איז געקומען אַ קאַר שנעל צופאָרן, און דער קאַר האָט אַריינגעקראַכט אינעם באָס מיט אַ קראַפט שעדיגנדיג דעם טיר אַפּאַראַט פונעם באָס, וואס דאס האט געברענגט אַז דער באָס זאל אַרויסגעשטעלט געוואָרן פון דינסט ביז מען קען פאַרריכטן די טיר.

סך הכל איז די פלאָטע פון באָסעס רעדוצירט געוואָרן צו דריי באָסעס, און דאָס האָט געברענגט שווערע פּראָבלעמען וואָרום אַלץ מאַכט זיך אַז מען דאַרף אַרויסנעמען אַ באָס פון דינסט פאַר די רעגולערע אויפהאַלטונג

(פארזעצונג אויף זייט 29)




## וויאַזוי צו באַקומען אַן ערזאַץ סאָושעל סעקיורעטי קאַרטל

האָט איר פאַרלוירן אייער סאָושעל סעקיורעטי קאַרטל און איר דאַרפט דאָס ערזעצן? עס איז וויכטיג צו וויסן, אַז רוב מאָל קען מען נוצן דעם נומער אַליינס, מען דאַרף נישט ווייזן דעם קאַרטל. דאָס מיינט אַז עס איז אַ גוטע זאַך זיך איינצו'חזר'ן דעם סאָושעל סעקיורעטי נומער מען זאָל דאָס קענען נוצן און נישט דאַרפן אַרומטראָגן דעם קאַרטל וואָס ברענגט אַז מען זאָל דאָס פאַרלירן אָדער אַז עס זאָל גע'גנב'עט ווערן.

דאָס וויסן אויסנווייניג דעם סאָושעל סעקיורעטי נומער קומט צונוץ ביים האַנדלען מיט בענק; ביים זיך איינגעבן פאַר דזשאַב; ביים צאָלן שטייערן; און ביי אַנדערע ביזנעס און פערזענליכע פינאַנץ טראַנזאַקציעס. באַהאַנדעלט דעם נומער ווי קאָנפידענשל אינפאָרמאַציע און האַלט דאָס אין געהיים.

אויב איר דאַרפט אַן ערזאַץ קאַרטל איז דאָס גאַנץ גרינג צו פאַרשאַפן, איר דאַרפט אַריבערגיין צום לאָקאַלן סאָושעל סעקיורעטי אָפיס און אויספילן אַן אַפּליקאַציע צו ערזעצן אַ סאָושעל סעקיורעטי קאַרד, (סאָושעל סעקיורעטי פאָרעם SS5), איר דאַרפט קענען ווייזן דאָקומענטן אַז איר זענט אַ בירגער און איר דאַרפט ברענגען באַווייזן אויף אייער אידענטיטעט און עלטער.

אויפ'ן אַפּליקאַציע שטייט אויסגערעכנט פאַרשידענע עקזעמפּלאַרן פון דאָקומענטן וואָס איר קענט נוצן ביים זיך איינגעבן צו באַקומען אַן ערזאַץ סאָושעל סעקיורעטי קאַרד.

מען קען באַקומען אַן אַפּליקאַציע אָנליין אויפ'ן אַדרעס www. socialsecurity.gov/ssnumber . פילט אויס דעם אַפּליקאַציע און ברענגט דאָס אַריבער צו אייער לאָקאַלן סאָושעל סעקיורעטי אָפיס אָדער שיקט דאָס אַריין דורך די פּאָסט, און מיר וועלן אייך אַרויסשיקן אַ פרישן סאָושעל סעקיורעטי קאַרטל.

אויב אייער קאַרטל ווערט פאַרלוירן אָדער גע'גנב'עט, קענט איר פאַרלאַנגען אַ פרישן ערזאַץ קאַרטל אומזיסט, אָבער מען איז געצוימט צו אַ מאַקסימום פון דריי קאַרטלעך אַ יאָר און צען קאַרטלעך פאַר'ן גאַנצן לעבן.

(פארזעצונג אויף זייט 11)

"הקריה"
HAKIRYAH
3 Chevron Rd. #3A
Monroe, NY 10950
Fax: 845-774-7945
Email: hakiryah@gmail.com

אריינצושיקן בריוו צו די רעדאקציע, ווי אויך פאר סיי וועלכע פארשלאגן, עצות און קאמענטארן וויאזוי צו פארבעסערן אונזער/אייער אויסגאבע, ביטע שיקט אריין אויף דעם אויבנדערמאנטן אדרעסס. אייער נאמען וועט געהיטן ווערן אין די רעדאקציע אויף אייער פארלאנג.

Not responsible for typographical errors or opinions expressed by the writers or advertisers. No part of this publication may be reproduced in any form without written consent of the publisher.

# אפדעיט פון מערערע געריכטליכע קלאגעס

## גוי'אישע שכנים פרובירן אלערליי שטרויכלונגען קעגן וואוקס פון קרית יואל היל"ת – הנהלת הקריה פארטיידיגט אויף אלע פראנטן די רעכטן פאר הרחבת גבולי הקדושה

ווי שוין גוט באקאנט פאר קרית יואל'ער איינוואוינער, איז די שטאט אונטער אומאויפהערליכע אטאקע דורך אירע ארומיגע שכנים פון וואודבארי, אויס זארג פון 'פן ירבה', וועלכע קוקן מיט א קרום אויג אויף דעם גרויסן ריבוי עם כ"י בלעה"ר וואס נעמט ארום די הייליגע שטאט וואס מרן רביהקוה"ט בעל דברי יואל זי"ע האט מייסד געווען אלס מקום מקלט צו אנטלויפן פון די ישיבת כרכים קשה, און זינט איר גרינדונג בשנת תשל"ד האט דער שטן אלעמאל גענוצט די שכנים ארום די שטאט - א גרויסער טייל פון זיי נעבעך פארפאלענע אידישע קינדער מיט א וויסטע שנאה צו אלעם וואס איז הייליג - אלס מיטל וויאזוי צו פרובירן אפצושטעלן דעם אומאויפהערליכן וואוקס פון דער עיר הגדולה לאלקים.

טאקע פאר דעם איינעם צוועק האט דער רבי זי"ע געהייסן אין יאר תשל"ז צו גרינדן דעם "קרית יואל ווילידזש", וויבאלד עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז צו קענען בויען און אויסברייטערן א אידישע שטאט אין די גאנצע אפסטעיט געגנט, פארלאנגט זיך דריי פרינציפאלע זאכן: לאנד מיט א צוגעפאסטע זאונינג; קוואלן פון וואסער; און א באגנוגענדע סוער באהאנדלונג. איינמאל איינע פון די דריי ווערט געצוימט, פירט עס אויטאמאטיש אז מ'זאל נישט קענען בויען קיין פרישע הייזער און דער וואוקס פונעם ישוב ווערט זאפארט אפגעשטעלט ח"ו.

אונזערע שונאים ווייסן דאס זייער גוט, און פאר די זעלבע סיבה האבן זיי פון די סאמע ערשטע מינוט וואס קרית יואל איז געגרינדעט געווארן, געזוכט צו נוצן די דאזיגע דריי מיטלן צו שטערן דעם וואוקס, אנגעהויבן מיט די ערשטע מלחמות איבער זאונינג, וואס האט געצווינגען צו גרינדן דעם ווילידזש אין יאר תשל"ז, און ביז די כסדר'דיגע מלחמות איבער וואסער און סוער.

דער דאזיגער "הבה נתחכמה" הערט נישט אויף צו קאכן און זידן שוין צענדליגער יארן, פונקט ווי אלע יארן וואס אידן זענען פארוואגלט אין גלות, איין שעפעלע צווישן זיבעציג וועלף וועלכע ווילן איר פארצוקן, און טראץ וואס זיי זעהן מיט די אייגענע אויגן דעם "ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ", דאך לאזן זיי נישט נאך פון די אומאויפהערליכע רדיפות און בלינדע שנאה קעגן די הייליגע שטאט קרית יואל. אבער היות ווי זיי קאנטראלירן שוין נישט דירעקט די זאונינג פונעם שטעטל אדאנק דער עקזיסטענץ פונעם ווילידזש, פרובירן זיי צו נוצן אנדערע מיטלן צו צוימען קרית יואל'ס פענאָמענאַלע וואוקס.

ווען זיי זענען אויסגעלאפן פון פאליטישע מאכינאציעס צו נוצן די טאון אדער קאונטי רעגירונגען פאר דעם צוועק, האבן זיי זיך גענומען צו זייער לעצטן מיטל: דער געריכט. יעדן מאנטאג און דאנערשטאג פרובירן זיי צו שלעפן קרית יואל פון איין געריכט צו די אנדערע אין א פארצווייפלטן פראוו, אז אולי פון דארט וועט זיי געלונגען אפצושטעלן דעם חוץ-לדרך-הטבע'דיגן אויפבלי פון דעם עיר כלילת יופי.

קרית יואל איז בטוח, בזכות אבותינו ורבותינו הקדושים זי"ע, אז די רשעים וועלן אויך דארט נישט האבן קיין שליטה און אלע זייערע באמיאונגען צו שטערן דעם עתיד פון די הייליגע שטאט וועט זיך אויסלאזן ווי אלע זייערע פלענער ביז היינט, אבער דערפאר פארלאנגט זיך ווידער דער כח ההשתדלות וואס בלויז א ווילידזש קען צושטעלן, און דער ווילידזש איז געצווינגען אויפצוהאלטן א גרויסן שטאב פון די בעסטע אדוואקאטן וועלכע זאלן כסדר אפשלאגן די אומאויפהערליכע רשעות'דיגע געריכטליכע קלאגעס און פראצעדורן קעגן קרית יואל און פארטיידיגן 'קרית יואל' מיט אירע טויזנטער משפחות בליעה"ר.

עס איז דעריבער העכסט-אינפארמאטיוו מיטצוטיילן פאר די קרית יואל'ער איינוואוינער, אז די לאנגיאריגע הארעוואניע און שווערע ארבעט פון די ווילידזש'ס געניטע לעגאלע שטאב צאלט זיך אויס. מען זעט ב"ה כסדר די אפענע סיעתא דשמיא אויף יעדן טריט און שריט, בכחם וזכותם פון רבוה"ק בעל דברי יואל ובעל ברך משה זי"ע, ובברכתו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א.

ווי אויך די געוואלדיגע פארזיכטיגקייט פון די איבערגעגעבענע ווילידזש באאמטע צו פארזיכערן אויף יעדן ריר פונעם ווילידזש אז אלעס איז אויסגעהאלטן 100%, רוקט זיך פאראויס אויף אלע געביטן און די אלע געריכטליכע פראצעדורן בלייבן נישט מער ווי א קאסטבארער שטער איבער וואס מ'שטארקט זיך בס"ד, פונקט ווי אויף אלע אנדערע לאגיסטישע אנגעלעגנהייטן...

פאלגנד זענען די מאמענטאלע אנטוויקלונגען אין 4 באזונדערע געריכט קעיסעס:

## "אנולירן מכירה פון וואסער טענק פראפערטי"

א שטארקער ציל פון די רשעות'דיגע אטאקעס זענען איבער די וואסער טענק ביים שפיץ פון די חברון גאס — אָן וועלכן א גרויסן טייל פון די עצי התמרים איינוואוינער, ווי אויך די חברון און ראוונא גאסן, און דער גאר וויכטיגער "אשת חיל" צענטער, וואלטן חלילה געבליבן אן וואסער צו טרינקען, אזוי אויך העלפט עס שטארק ארויס צו הייבן דעם וואסער-דרוק פון די העכערע גאסן ווי טעטש, סאסוב, לעמבערג, אא"וו, און ערמעגליכן אז דאס וואסער זאל אנקומען דארט געהעריג.

די 'חברון וואסער טענק' ווערט אטאקירט אין געריכט אויף צוויי פראנטן, 1) דער פראפערטי פארקויף פון באלד 10 יאר צוריק, און 2) אנעקסעישאן פארלאנג (זעט באלד, געריכט #2).

ווי שוין געמאלדן אין פריערדיגע אויסגאבעס פון די "הקריה" זענען די וואסער טענק אויף חברון געבויט געווארן אויף א האלבע-אקער פראפערטי וואס איז אין די גרעניצן פון די טאון און ווילידזש אוו וואודבארי. די פראפערטי איז געווען טייל פון א 13 אקער שטח וואס האט באלאנגט צו א פריוואטן אייגנטימער, וועלכער האט אין יאר תשס"ז פארקויפט דעם האלבן אקער פאר די ווילידזש צו קענען אויפשטעלן דערויף די 2 וואסער טענק. די טענק האבן אפגעקאסט פאר'ן ועד הקריה נאנט צו 1.5 מיליאן דאלער. זיי קענען אינאיינעם אריינעמען ביז 1.5 מיליאן גאלאן וואסער, און זענען אריין אין באנוץ באלד נאך די ימים טובים תשס"ט העעל"ט.

אגב דארף דערמאנט ווערן, אז אויסער וואס די טענק שטעלן צו וואסער פרעשער דירעקט פאר די הונדערטער קרית יואל'ער איינוואוינער אין יענע גאנצע געגנט, איז עס אויך געווען ממש א ישועה פאר די גאנצע שטאט, ווייל דאס האט ערמעגליכט אנצוזאמלען עקסטערע 1.5 מיליאן גאלאן אין די טענק, צו שטיין גרייט אויף א צייט פון א טרוקעניש, וואס דאס ערלויבט גרינגער צו מאנעווורירן מיט'ן וואסער סופליי פאר די גאנצע שטאט און אויסציען דאס וואסער ווי לאנג נאר מעגליך צו פארמיידן א וואסער מאנגל חלילה.

בשעת'ן בויען די טענק האט דער ווילידזש

(פארזעצונג אויף זייט 11)

## "קאונטי'ס פארפליכטונג צו פארברייטערן דעם סוער"

דאס איז אויך א פארצויגענער געריכט, וואס איז שוין באריכטעט געווארן עטליכע מאל אין "הקריה".

נאך וואס די קאונטי איז אין יאר תש"ע געווען געצווינגען צו שליכטן איר לאנגיאריגע קלאגע איבער שטערן דעם בוי פונעם קריטיש-וויכטיגן וואסער פייפליין — אדאנק וואס זי האט פארלוירן איר געריכטליכער קאמף קעגן קרית יואל, און איז געווארן לעגאל געצווינגען צוצושטעלן גענוג סוער פאר די קרית יואל'ער געברויכן, בעפאר'ן קענען ארויסגעבן סוער סלאטס פאר שטחים אינדרויסן פונעם סוער דיסטריקט נומער 1, וואס האט אויך געמיינט אז זי וועט דערלייגן אסאך געלט צוליב'ן נישט קענען פארדינגען פרישע סוער סלאטס פאר די "מודנע" קאמיוניטיס, און אויך נישט ארויסגעבן קיין סוער פערמיטס פאר די קעמפ לאנווארדיע פראפערטי וואס די קאונטי וואלט דעריבער מער נישט געקענט פארקויפן און געבליבן שטעקן דערמיט — האט זי אויסגעהאמערט אן אפמאך מיט קרית יואל וואס איז באשטעטיגט געווארן דורך א מערהייט פונעם קאונטי לעגיסלאטור און דערנאך געווארן אונטערגעשריבן דורך דעם קאונטי עקזעקטיוו, זיך צו פארפליכטן געזעצליך אז ווען דער יעצטיגער סוער פלענט אין הערימאן דערגרייכט צו א שטאפל אז זי ווערט באנוצט ביז 85%, וועט זי זאפארט זיך נעמען דאס צו פארברייטערן אדער בויען א פרישן סוער פלענט כדי צו פארזיכערן אז זי דערזעט זיך קיינמאל נישט מיט א מאנגל פון סוער פלאץ, ווייניגער ווי דאס וואס דער סוער פלענט קען באהאנדלן, און אז קרית יואל וועט אלעמאל האבן צוגעשטעלט גענוג סוער לויט אירע וואקסנדע געברויכן, בע"ה.

[אגב, אלס טייל פון די דאזיגע פארפליכטונג, האט די קאונטי אויך אפגעשטעלט איר לעגאלן קאמף קעגן דעם גיגאנטישן 'קרית יואל פייפליין', און דער ריכטער האט ארויסגעגעבן די לאנג ערווארטעטע ערלויבעניש צו קענען בויען דעם וואסער-פייפליין — וויבאלד די קאונטי האט דאס פרובירט אפצוהאלטן מיט די טענה, אז ברענגען

(פארזעצונג אויף זייט 11)

## "וואסער טענק אנעקסעישאן געריכט"

דאס איז א באזונדערער קעיס וואס איז צושטאנד געקומען אלס א פועל יוצא פונעם ערשטן קעיס איבער דעם פארקויף פון די וואסער טענק.

אזוי ווי מען האט איינגעזען, אז וואודבארי גייט דא זוכן אלערליי מיטלן צו שטערן דעם באנוץ פון די וואסער טענק,דעריבער איז פארגאנגענעם זומער באשלאסן געווארן אריינצוגעבן אן אנעקסעישאן פארלאנג, אז די גאנצע 13 אקער פראפערטי זאל אריבערגיין פון טאון אוו וואודבארי צו טאון אוו מאנרא, וואו די ערוועלטע באאמטע זענען אסאך מער סימפאטיש צו קרית יואל'ס געברויכן - אדאנק דעם מאכטפולן 'בלאק וואוט' וואס קרית יואלער וויילער שטעלן אלעמאל אהער פאר די טאון באאמטע - און איינמאל די פראפערטי וועט זיין אין מאנרא וועט מען בע"ה מער נישט ליידן פון די העסליכע וואודבארי באאמטע. אין אזא פאל וועט אויך מער נישט זיין רעלעוואנט דער פריערדיגער געריכט איבער די מכירה פון די טענק פראפערטי (געריכט #1), וויבאלד די טאון אוו מאנרא וועט זיך נישט זוכן ארויפצוכאפן אויף טעכנישע קלייניגקייטן.

דער פראצעדור ארבעט, אז דער פראפערטי אייגנטימער גיבט אריין זיין אנעקסירונג פארלאנג צו די מוניציפאליטעט פון וואו ער וויל ארויסגיין, ווי אויך צו די מוניציפאליטעט וואו ער וויל אריינגיין. אין אונזער פאל האט די ווילידזש, און דער אייגענטימער פון די

(פארזעצונג אויף זייט 11)

## "ווילידזש אוו וואודבארי זאונינג דיסקרימינאציע"

ווי באקאנט, און שוין באריכטעט אין "הקריה", האט דער 'ווילידזש אוו וואודבארי' דורכגעפירט מיט עטליכע יאר צוריק גאר עקסטרעמע זאונינג געזעצן, דירעקט אויסגעשטעלט אויף א וועג וואס היימישע אידן זאלן בשום אופן נישט קענען דעוועלאפן דאס לאנד צו קענען וואוינען אין אירע גרעניצן, דורך אפטיילן גאר ווייט איין הויז פון צווייטן.

נאך וואס מערערע שתדלנות פראוון ביי די הארטנעקיגע וואודבארי באאמטע זענען געפאלן אויף טויבע אויערן, האבן די אידישע אייגענטימער פון פראפערטיס אין די געגנט בלית ברירה אריינגעגעבן אין Oct '11 למס' א געריכטליכע קלאגע, וואס אויך דער קרית יואל ווילידזש האט זיך אנגעשלאסן דערין, מיט די טענה אז די געזעצן זענען ספעציעל אויסגעשטעלט געווארן צו דיסקרימינירן קעגן די חסיד'ישע געמיינדע, און איז דעריבער פארבאטן לויט די אמעריקאנער קאנסטיטוציע.

נאך וואס די וואודבארי באאמטע האבן פרובירט צו שלעפן דעם קעיס אין פעדעראלן געריכט, און זענען דורכגעפאלן, ליגט יעצט דער קעיס ביי די סטעיט ענווייראמענטאלע געריכט. א גרופע היימישע פראפערטי אייגנטימער און דער ווילידזש האבן אריינגעגעבן די לעגאלע פאפירן, און אצינד ווארט מען אויפ'ן אורטייל פון ניו יארק סטעיט סופרים קארט.

לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי.

# לאנג פארצויגענע פעדעראלע אנקלאגע פון מוסרים אין שפיץ פון אלייענס גרופע גענצליך ארויסגעשליידערט פון אלע געריכט הייזער

(פארזעצונג פון זייט 3)

הקריה געדענקען נאך גוט די שטורמישע אנטוויקלונגען ביים אויפשטעלן דעם "ווילידזש", וויפיל מסירת נפש דער רבי זי"ע האט דערפאר מקריב געווען, וואספארא אויסנאמע דיבורים און ברכות דער רבי זי"ע האט געלאזט פאלן אין יענע תקופה לטובת די וואס העלפן צו פאר'ן אויפשטעלן דעם ווילידזש, וויבאלד רבינו הקדוש זי"ע מיט זיינע לעכטיגע און ווייטע אויגן, האט געזען אינעם 'ווילידזש' א יסוד פאר'ן עקזיסטענץ פונעם קריה נאמנה "קרית יואל", וואס איז דאך געווען משאת נפשו כל הימים, אז ערליכע אידן זאלן קענען רואיג לעבן און זיך אויפהאלטן אין א ריינע אפגעזונדערטע ווינקל אין אמעריקע ביז משיח'ס טאג במהרה.

איבריג צו זאגן וואספארא סכנה בגשמיות וברוחניות ס'האט ח"ו געדראעט אויב די שוידערליכע אנקלאגע וואלט מצליח געווען, צו קענען אויפלעזן דעם ווילידזש און צוריקגיין אונטער'ן טאון און מאנראו. ווער קען דען באגרייפן דער צער און עגמת נפש וואס דאס וואלט ח"ו פארשאפט לנשמתו הטהורה פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע, וויפיל שאדנס דאס וואלט ח"ו געקענט פאראורזאכן פאר 'אלע' תושבי קרית יואל אן אויסנאם, אפגערעדט פונעם הילכיגן חילול ה' וואס די אנקלאגע האט ליידער פארשאפט, מסוף העולם ועד סופו, ווען די טרויעריג-בארימטע כת וואס זענען לכתחלה אריין אין געריכט, שלא ברשות בי"ד קעגן די הנהלת הקהלה אנבאלאנגט א פראפערטי סכסוך, און נאכ'ן ווערנדיג ארויסגעטריבן מיט גרויסע בזיונות, האבן זיי אין א נקמה-פראוו ממשיך געווען מיט די אנקלאגע קעגן די ווילידזש און אירע פארשטייער.

*

ווי נאר די יעצטיגע אנקלאגע איז אריינגעגעבן געווארן אין פעדעראלן דיסטריקט קאורט אין ניו יארק, בחודש סיון שנת תשע"א, האבן די חברי הנהלת הווילידזש זיך אריינגעווארפן אין דעם ענין און איינגעשפאנט א שטאב פון העכסט-געניטע אדוואקאטן, וואס זאלן פארטיידיגן די הייליגע שטאט קרית יואל פון אירע מחריבים, פארלאנגדיג אז דער געריכט זאך זיך כלל נישט קימערן מיט די בייזוויליגע מוסרים, און צוריקווייזן די אויפנאמע פון זייער אנקלאגע, אין צוגאב צו דעם וואס די הנהלה האט מעורר געווען אנ"ש וחסידי סאטמאר איבער די וועלט, מתפלל צו זיין אז דער רבוש"ע זאל צושטערן די פינסטערע פלענער, שלא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים.

נאך שווערע הארעוואניע און א רייע געריכטליכע פראצעדורן, איז מיט עטליכע חדשים צוריק ב"ה געקומען די גוטע נייעס, אז דער הויכגעשעצטער ריכטער רעיקאף פונעם פעדעראלן געריכט, דער 'דיסטריקט קאורט', האט אנגענומען דעם פארלאנג פון די ווילידזש אדוואקאטן און האט ארויסגעשליידערט די העסליכע קלאגעס קעגן דעם ווילידזש.

*

אויב האט מען דאן געמיינט אז דערמיט וועט זיך שטילן די פרשה, האט מען אבער א טעות געהאט. די גרופע פארלירער האבן צוגעטרעטן צום קומענדיגן שטאפל פון חילול שם שמים, אריינגעבנדיג א "נאטיץ און אפיעל", פארלאנגענדיג אז דער אורטייל פון ריכטער רעיקאף אינעם דיסטריקט קאורט, זאל באטראכט ווערן דורך דריי פעדעראלע ריכטער פונעם צווייטן סירקוט געריכט, וואס איז די העכסטע געריכט בעפאר די סופרים קאורט אין אמעריקע, פרובירנדיג זייער מזל אז די דריי ריכטער זאלן באצווינגען דעם ערשטן ריכטער אנצונעמען די קלאגע.

זעלבסטפארשטענדליך, אז די פרישע אנטוויקלונגען האט צוגעברענגט פרישע ווייטאגליכע זארגן פאר אלע תושבי הקריה און אלוועלטליכע אנ"ש חסידי סאטמאר צוגלייך, ביי וועלכע "קרית יואל" איז דאס שפיץ אינעם קרוין פון מלכות סאטמאר, אונטער די הנהגה פונעם רועה נאמן כ"ק מרן רבינו שליט"א. בפרט האט דאס גאר אסאך געמיינט פאר די געטרייע שליחי הציבור, די הנהלת 'הווילידזש', וועלכע זענען געצווינגען געווארן ווידער צו פארלייגן די מאקסימום כוחות און אינוועסטירן אוצרות מיט געלט, צו קענען פארטיידיגן דעם עקזיסטענס פונעם ווילידזש מיט אירע 25,000 נפשות כ"י, ווידער האבן אידן ארויסגענומען דעם תהלים'ל און מתפלל געווען בזכותו של אותו זקן, בעטנדיג מיט הייסע טרערן ותטה לב המלכות עלינו לטובה, אז אויך דא זאלן די מוסרים געשטרויכלט ווערן און נישט מצליח זיין.

*

געלויבט השי"ת, אז די נאכאנאנדע שווערע כוחות פון די געטרייע הנהלת הווילידזש, די נאכאנאנדע הייסע תפילות פון תושבי קרית יואל, און די גרויסע זכותים וסייעתא דשמיא פון רבותה"ק זי"ע ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א, האבן ב"ה דורכגעבראכן אלע שווערע טויערן און געברענגט א ישועה.

געווען איז עס פארגאנגענעם מאנטאג, ב'סליחות, למספ'סעפטעמבער 10, ווען די דריי ריכטער אינעם העכסטן פעדעראלן געריכט אין ניו יארק, וואס האבן פארפיגט אויף דעם קעיס, האבן ארויסגעגעבן זייער באשלוס, אין וועלכן זיי טוען באשטעטיגן די אורטייל פונעם נידריגערן געריכט, קלארשטעלנדיג אז ס'איז נישטא קיין שום ממשות'דיגע טענות קעגן דעם עקזיסטענץ פונעם ווילידזש, טראץ דעם וואס די גרופע מוסרים האבן פרובירט מיט לעכערליכע אופנים, אויפצואווייזן איבער אומלעגאלע פארבינדונגען פון שטאַט מיט רעליגיע, און דערמיט האבן די ריכטער געשאנקן די פולע ערלויבעניש פאר'ן ווייטערדיגן קיום פונעם ווילידזש, ווי אין די פארגאנגענע קרוב צו 36 יאר.

די פרייליכע נייעס האט גאר שטארק אפגעקלינגען סיי אין די לעגאלע וועלט און סיי להבדיל אין די אידישע וועלט, ספעציפיש ביי תושבי קרית יואל און ביי אלע אנ"ש, וועלכע האבן געדאנקט און געלויבט השי"ת, אז די כח הקודשה האט ווידער מנצח געווען , און די הארעוואניע און הייליגע ירושה וואס מרן רבינו קוה"ק זי"ע האט איבערגעלאזט אויף דעם עולם, וועט בעז"ה ווייטער האבן א קיום ביז משיח'ס טאג, האפנדיג אז נאך אזעלכע דורכפעלער וועט אולי שוין מקוים ווערן דער ומלאה הארץ דעה את השם וילמדו תועים בינה, אז דאס וועט זיין די ענדע פון די פרשה.

*

אבער דערווייל איז נאכנישט באשערט געווען קיין מנוחה...

לויט'ן געריכטליכן פראצעדור ווערט געגעבן א געלעגנהייט פאר די וואס פארלירן אינעם געריכט, צו קענען אויפברענגען אן אפשטימונג אז דער קעיס זאל איבערגעקוקט ווערן דורך 'אלע' ריכטער אינעם העכסטן פעדעראלן סיסטעם, ווי נאר די דריי ריכטער אינעם צווייטן סירקוט געריכט געבן ארויס זייער באשלוס, האבן די פארלירער צייט פערצן טעג, ביז ווען זיי קענען אריינגעגעבן דעם נאטיץ צו פארלאנגען אז דער אורטייל זאל איבערגעקוקט ווערן פון א פולע פאנעל פון דרייצן ריכטער.

כדי דאס זאל בכלל קענען קומען פאר אן אפשטימינג דארף זיך ארויסשטעלן אמווייניגסטנס איין ריכטער פונעם סיסטעם אויפ'ן צד פון די תובעים, וואס יענער זאל בארעכטיגן די טענות איבער'ן אורטייל און פארלאנגען אן אפשטימונג איבער א גרונטליכע איבערזיכט. אויב ווערט דאס באשטעטיגט מיט 51 פראצענט דאן ווערט דער קעיס דורכגעקוקט דורך אלע 13 ריכטער, וועלכע טוען באשליסן צי דער אורטייל בלייבט ווי פארעפנטליכט, אדער דאס

(פארזעצונג אויף זייט 9)



## UNITED STATES COURT OF APPEALS
### FOR THE
## SECOND CIRCUIT

At a stated term of the United States Court of Appeals for the Second Circuit, held at the Daniel Patrick Moynihan United States Courthouse, 500 Pearl Street, in the City of New York, on the 13th day of November, two thousand twelve,

Kiryas Joel Alliance, Congregation Bais Yoel Ohel Feige, Zalman Waldman, Meyer Deutsch, Bernard Tyrnauer, Isaac Srugo, Joseph Waldman, Moshe Tennenbaum, David Wolner, Joel Waldman,

Plaintiffs - Appellants,

Congregation TA of KJ, Incorporated, Samuel Eisenberg,

Plaintiffs,

v.

Village of Kiryas Joel, Jacob Reisman, Village Trustee, sued in his official capacity, Moses Goldstein, Village Trustee, sued in his official capacity, Jacob Freund, Samuel Landau, Village Trustee, sued in his official capacity, Abraham Weider, Mayor of the Village of Kiryas Joel, sued in his official capacity, Moses Witriol, Individually and Director, Village of Kiryas Joel Department of Public Safety, sued in his official capacities, Congregation Yetev Lev D'Satmar Of Kiryas Joel, David Ekstein, Town of Monroe,

Defendants - Appellees,

Cesar A. Perales, sued in his official capacity as acting New York State Secretary of State,

Defendant.

**ORDER**
Docket Number:12-217

Appellants Congregation Bais Yoel Ohel Feige, Meyer Deutsch, Kiryas Joel Alliance, Isaac Srugo, Moshe Tennenbaum, Bernard Tyrnauer, Joel Waldman, Joseph Waldman, Zalman Waldman and David Wolner, filed a petition for panel rehearing, or, in the alternative, for rehearing *en banc*. The panel that determined the appeal has considered the request for panel rehearing, and the active members of the Court have considered the request for rehearing *en banc*.

IT IS HEREBY ORDERED that the petition is denied.

FOR THE COURT:
Catherine O'Hagan Wolfe, Clerk

# לאנג פארצויגענע פעדעראלע אנקלאגע פון מוסרים אין שפיץ פון אלייענס גרופע גענצליך ארויסגעשליידערט פון אלע געריכט הייזער

(פארזעצונג פון זייט 8)

זאל צוריקגעשיקט ווערן אינעם נידריגן געריכט פאר אויסבעסערונגען.

אצינד אין אונזער פאל. ווי שווער עס טוט זיך גלייבן אז נאך די סעריע פון דורכפעלער, מיט גאר שוואכע אויסזיכטן מצליח צו זיין, האט אבער דער שטן געשטופט זיינע שליחים אין די סאמע עשרת ימי תשובה, פונקט אין דעם הייליגן טאג פון "שלש עשרה מדות", ווען ערליכע אידן זענען פארנומען מיט תשובה ותיקון המעשים, דער לעצטער טאג פונעם דערמאנטן פערצן טאגיגער טערמין, האבן די נידערטרעכטיגע כת מוסרים באשלאסן ווייטער פארצוזעצן מיט זייער מאסיווע חילול שם שמים אפאראט, און דער נאמען קעי דזשי אלייענס האט ווייטער פיגורירט אויף אן הליכה בערכאות וחילול שם שמים ר"ל, ווען עס איז אריינגעגעבן געווארן א נאטיץ אינעם געריכט, - ווייטער אן קיין היתר פון קיין שום רב אדער בית דין, - אז דער קעיס אין וועלכע זיי האבן שוין געליטן עטליכע נידערלאגעס, זאל דורכגיין א פולע איבערזיכט פונעם גאנצן פעדעראלן געריכט סיסטעם, פרובירנדיג אז אפשר דאך וועט זיי ערגעץ וואו געלונגען זיך צו קענען שטילן דעם דורשט, און חרוב מאכן דעם הייליגן שטאט קרית יואל היל"ת.

די פענע בלייבט פשוט שטיין פארגליווערט, עס קען זיך נישט גלייבן צו וואס מ'האט זיך דא דערלעבט, אז אידן, וואס אויסערליך דארפן זיי צו זיין שותומ"צ, זאלן אנהאלטן א האק העכער קרית יואל, והרשעים כים נגרש השקט לא יוכל, זיי האלטן ווייטער אן מיט זייער דרכים מקולקלים, און בארעכטיגן יעדן מיטל אנצוקומען צום ציל פון חרוב מאכן דעם שטאט און די הייליגע ירושה וואס רבינו הקוה"ט ציס"ע זי"ע האט אוועקגעשטעלט מיט בלוט און שוויס, אלעס צוליב פערזענליכע נגיעות און זינלאזע מאטיוון.

די געטרייע חברי הנהלת הווילידזש האבן אין רעקאציע צוגעגרייט און אריינגעשיקט די לעגאלע פאפירן, ווי די ווילידזש אדוואקאטן טוען פארטיידיגן די לעכערליכע אנקלאגעס פון די מוסרים, בעטנדיג אז דער העכערער געריכט זאל אויך צוריקוויזן זייער פארלאנג, און באשטעטיגן וואס די פריערדיגע ריכטער האבן איינגעזעהן אז די קלאגעס האבן נישט קיין האפט, און מיט דעם פארזיכערן אן המשכה פאר'ן עתיד פון קרית יואל.

אינעם פרייליכן טאג, יום ג' שנכפל בו כי טוב פר' תולדות לס' "כי עתה הרחיב ה' לנו ופרינו בארץ", איז ב"ה צוריקגעקומען די פאזיטיווע תשובה פונעם צווייטן סירקוט געריכט, דאס מאל שוין אין נאמען פון אלע 13 ריכטער, אז נאכ'ן באטראכטן די פארלאנג פון די מוסרים צו ברענגן די קלאגע פאר א פולן פאנעל, זעהט נישט דער געריכט גענוג באזע דאס צו טאן, און אין רעזולטאט שליידערט זי ארויס דעם פארלאנג, ולמלשינים אל תהי תקוה, אפשפארנדיג די האפענונג פון די עזי פנים, און מיט דעם אריינגעקלאפט דעם לעצטן נאגל אינעם אנדערהאלבן יעריגען חלום; דער טרוים פון זעהן דעם ווילידזש פארשפארט און אירע פארשטייער אנגעקלאגט, איז ב"ה צורינען ווי א זייפן-בלאז.

די נייעס האט זיך בליץ-שנעל פארשפרייט צווישן תושבי קרית יואל וועלכע האבן געדאנקט דעם הייליגן באשעפער, וואס האט געהאלטן די רעכטע האנט העכער די הייליגע שטאט, צייגענדיג פאר די וועלכע פארמעסטן זיך איר חרוב צו מאכן, אז יש מנהיג לבירה, שוא לכם משכימי קום - א שאד אייערע הארעוואניע, פון הימל גיט מען אכטונג אז אזא הייליגע שטאט זאל האבן א קיום, ולא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי.

מענטשן מיט אן אויפריכטיגע און ערנסטע בליק, זענען אין די זעלבע צייט פיל געווארן מיט האפענונג, אז נאך די סעריע פון דורכפעלער וואס די כאפטע אלייענס פארלירער האבן אריינגעהויבן, וועט דאס כולי האי ואולי עפענען די אויגן פון די תמימי לב און נאכשלעפער פון די כת המוסרים, א.ג. 'ערליכע תלמידי רבינו...' וועלכע ווערן בלינדערהייט געפירט, און זייערע נעמען ווערן כסדר גענוצט דורך די באנדע מחרחרי ריב, אונטער פארשידענע שלייערן און מאסקעס ווי די א.ג. 'קעי זשעי אלייאנץ', איינצוזעהן אז זיי ווערן נאכאמאל און נאכאמאל אריינגעשלעפט דורך יחידים אין מאראסטיגע בלאטעס פון הרמת יד בתורת משה ר"ל, באגלייט מיט נידערטרעכטיגע מסירות ומלשינות, מיט פארפירערישע אויסריידן אז מ'מיינט גאר זייער טובה, מ'טוט דעם רצון צדיק פאר'ן הייליגן רבי'ן זי"ע, שומו שמים! עס איז צו ערווארטן אז נאך אזא טאטאלער דורכפאל, וועלן זיך יאוועז אפאר ערנסטע מענטשן און זאגן פאר די באנדע; 'לא מדובשך ולא מעוקצך', מיר האבן שוין קענען געלערנט אייערע דערגרייכונגען און מיר זענען שוין זאט פון אייערע חלומות, מיר זענען נישט גרייט מער זיך צו לאזן פארפירן פון אייך מיט דמיונות און אויפגעבלאזענע פאנטאזיעס.

אויסער די אומנויטיגע עגמת נפש וואס די געריכטליכע אנקלאגעס האבן פאראורזאכט, סיי פאר די הנהלת הווילידזש ווי אויך פאר תושבי קרית יואל און אלוועלטליכע חסידי סאטמאר, וועלכע האבן זיך געפארכטן אז דעם רבי'נס הארעוואניע שטייט אויפ'ן וואגשאל און איז אין געפאר פון גענצליך צוגרונד גיין היל"ת, האבן די פארצויגענע געריכט פראצעדורן שאדן געמאכט שווערע אידישע געלטער, אריינציענדיג דעם ווילידזש אין טייערע אויסגאבן פאר געניטע אדוואקאטן צו פארטיידיגן די לעכערליכע באשולדיגונגען, ווי אויך האט דאס גורם געווען אנדערע לאנג-טערמיניגע ווילידזש אויסגאבן דורכ'ן העכערן די יערליכע אינשורענס קאסטן, פאר אינשורענס וואס פארלאנגט זיך לעגאל אויף צו דעקן פארטיידיגונגס קאסטן קעגן אנקלאגעס.

די אלע איבריגע הוצאות איז א שאדן פאר 'אלע' תושבי קרית יואל צוגלייך, ווען עס טוט אוועקנעמען געלט פונעם בודזשעט וואס וואלט געקענט פארנוצט ווערן אויף פאזיטיווע פראיעקטן און פארשידענע וויכטיגע סערוויסעס, דאס הייסט אז כאטש וואס די זינלאזע אנקלאגעס האבן טאקע נישט מצליח געווען אין זייער ציל, האבן די מוסרים אבער יא ליידער פאראורזאכט אז די תושבי קרית יואל, אריינגערעכנט זיי זעלבסט...זאלן ליידן שאדנס פון אן איינגעשרימפענעם בודזשעט, שפילנדיג מיט הארבע ענינים פון גניבה וגזל הרבים, וואס חז"ל זאגן אויף דעם "חמור גזל הרבים מגזל היחיד, שהגוזל את היחיד יכול לשלם ולפייסו ואילו גוזל את הרבים אינו יכול לפייסם" (תוספתא בבא קמא) אלעס צוליב פערזענליכע חשבונות און פאליטישע מאטיוון, אין א בחינה פון ישראל כשהן יורדין, יורדין עד לעפר, אפי' דאס באדייט שאדן מאכן געלט פאר אייגענע ברודער און גוטע פריינט.

עס בלייבט בלויז איבער מתפלל צו זיין, עד הנה עזרונו רחמיך ואל תטשנו ה"א לנצח. אזוי ווי דער אייבערשטער האט געהאלפן ביז אהער בזכות תפילת רבים ובזכותו הגדול והקדוש פונעם הייליגן מייסד הקרי' רביה"ק זי"ע, כן נזכה להבא לחסדי ה' מעולם ועד עולם, המה כרעו ונפלו ואנחנו קמנו ונתעודד, די מזימות רשע זאל גענצליך בטל ומבוטל ווערן, ויתמו חטאים מן הארץ ורשעים עוד אינם, און די הייליגע שטאט "קרית יואל" זאל קענען עקזיסטירן ביז משיח'ס טאג על מי מנוחות, למלאות רצון צדיק פון רבינו הקוה"ט המייסד זי"ע, עפ"י דרכו הטהורה ווי ס'איז נמשך געווארן פון רביה"ק בעל ברך משה זי"ע אונטער די נשיאות והדרכה פונעם מרא דאתרא יבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, לשמחת לב כל תושבי "קרית יואל".

# קרית יואל ווילידזש באקומט גאר גינסטיגע קרעדיט רעיטינג פון A-

(פארזעצונג פון זייט 3)

און פארגעשריטענע אטמאספערע. ווי אויך קוקן זיי אויף די באציאונגען צווישן די מוניציפאליטעט באורד מיט די ווײלער, אא"וו.

4) חובות שטאפל. ווי ביי יעדע קרעדיט שאצונג שפילט א וויכטיגע ראלע דער מאס פון חובות וואס ליגט אויף די מוניציפאליטעט, ווי גרויס, אויף ווי לאנג, וויפיל פראצענט זענען די חובות פונעם בודזשעט, אא"וו.

נאך א קליינע הקדמה.

געזעצליך איז א מוניציפאליטעט נישט פארפליכטעט צו האבן קיין קרעדיט רעיטינג, און דער קרית יואל ווילידזש האט ביז היינט בלויז איין מאל אין '91 גענומען א קרעדיט רעיטינג דענסמאל איז עס געווען B-, און מען האט זייט דעמאלטס נישט געזוכט קיין פרישע רעיטינג, ווייל עס האט פשוט נישט אויסגעפעלט. א קרעדיט ראטע דארף מען בעיקר האבן ווען מען וויל גיין בארגן געלט פון דרויסנדיגע פינאנצירער, ווי א באנק אד"ג. אבער דער ווילידזש האט ביז היינט אלעמאל נאר געבארגט געלט פון די סטעיט אדער פעדעראלע רעגירונג, אין פארעם פון רעגירונג'ס באנדס, וואס אפילו עס קאסט טאקע פראצענט איז עס אבער נישט אויסגעשטעלט צו די זעלבע סטאנדארטן ווי דאס בארגן געלט אינעם פריוואטן מארקעט.

אלע פראיעקטן וואס קרית יואל האט ביז היינט געבויט זענען באצאלט געווארן אדער דורך פארשאפן גרענטס פון די סטעיט און/אדער די פעדעראלע רעגירונג, און די פראיעקטן פאר וועלכע מ'האט נישט געקענט פארשאפן קיין גרענטס האט מען געבארגט געלט דערויף פאר קורצע טערמינען פון 1-5 יאר.

אין די לעצטע יארן אבער, מיט דעם שווערן עקאנאמישן מצב און איבערפליסיגע רעגירונג'ס בודזשעטן, איז געווארן אלס שווערער צו קענען קריגן גרענטס פון סיי וועלכע רעגירונגס אגענטור, און בלית ברירה זענען געווען א רייע קריטיש וויכטיגע "הרחבת גדולי הקדושה" פראיעקטן ביי וואס מ'האט זיך ארומגעזען, אז מען וועט דארפן פארשאפן דרויסנדיגע געלטער פון די פריוואטע פינאנץ אינדוסטריע, און בעיקר יעצט ווען מען האט געדארפט בארגן א פאנטאסטישע סומע פאר'ן "קינדער פארק", וואס מען האט דוקא נישט געזוכט קיין גאווערמענט פאנדינג, כדי עס צו קענען אהערשטעלן על טהרת הקודש, און נישט צו זיין אויסגעשטעלט צו די אלגעמיינע סטעיט און קאונטי רעגולאציעס.

דער ווילידזש, איז כסדר פארבינדן מיט א פינאנציעלע ראטגעבער פירמע, די העכסט ערפארענע "קעפיטאל מארקעטינג אדווייזערס", וועלכע פארטרעט העכער 200 מוניציפאליטעטן אין ניו יארק אליין, דערונטער אויך 7-8 קאונטי רעגירונגען; 50 ווילידזשעס; 100 סקול דיסטריקטן; אא"וו. דער ווילידזש ארבעט שוין מיט די פירמע צענדליגער יארן. זייער ארבעט איז ארויסצוהעלפן דעם ווילידזש מיט טאט און ראט אויף טריט און שריט צו קענען טרעפן אלעמאל דעם בעסטן צוגאנג וויאזוי צו באלאנסירן אחריות'דיג דעם ווילידזש בודזשעט, און בכלל אויף יעדן ענין וואס איז נוגע די ווילידזש'ס פינאנצן.

יעצט ווען מ'האט זיך געטראפן ביי א שטאפל אז מ'מוז זיך ווענדן צו די פינאנץ אינדוסטריע צו פארשאפן געלט, האט די פירמע געראטן דעם ווילידזש אז עס לוינט זיך צו צאלן דאס געלט פאר די וועלט בארימטע 'עס-ענד-פי' קרעדיט פירמע, אז זיי זאלן געבן אן אפיציעלע קרעדיט שאצונג פאר'ן ווילידזש. שאצנדיג אז דער ווילידזש וועט ווארשיינליך באקומען א גוטע ראטע, וויבאלד זי קומט נאך אלע קריטעריעס וואס זענען פארלאנגט דורך 'עס-ענד-פי'. [צום באמערקן: וויבאלד נאך אלעם פלאנט נישט דער ווילידזש צו נוצן אזויפיל דרויסנדיגע הלוואות, לוינט זיך נישט צו קריגן מער ווי איין קרעדיט ראטע פון איין פירמע].

די פירמע האט אריינגעלייגט לאנגע שעה'ן הארעוואניע, ארבעטנדיג אינאיינעם מיט די איבערגעגעבענע ווילידזש באאמטע אהערצושטעלן א רייכע און געניטע פרעזענטאציע וואס זאל אראפמאלן דעם ריכטיגן בילד איבער די ווילידזש און איר צושטאנד. און דערנאך האט מען זיך פארבינדן מיט די פירמע, וועלכע האט אראפגעשיקט א פארשטייער, וואס איז אפגעזעצן אינעם ווילידזש אפיס עטליכע טעג און אדורכגעגאנגען שטרענג און גרונטליך יעדן פרט ופרט, און דערנאך האט ער איבערגעגעבן זיין אנאליז און באריכט פאר זיינע אויבערהארן, וועלכע זיצן און באשליסן וואספארא ראטע צו שענקען פאר'ן מוניציפאליטעט, אין אונזער פאל דער ווילידזש.

צו אלעמענ'ס איבערראשונג איז צוריקגעקומען דער באשלוס צו שענקען פאר'ן ווילידזש די רעלאטיוו הויכע ראטע פון A-, וואס איז געווען העכער פון וואס מ'האט ערווארטעט, און האט געברענגט א שטארקע מאס צופרידנהייט צו זעהן וויאזוי אזא ריזן קרעדיט פירמע אנערקענט, אז קרית יואל ווערט געפירט מיט א געוואלדיגע געטריישאפט און געניטשאפט, וואס האט שטארק געהעכערט איר אנזעהן און דערמיט אויך איר קרעדיט ראטע. דאס קומט טראץ וואס קרית יואל ווערט פאררעכנט אלס די ארימסטע מוניציפאליטעט אין אמעריקע.

מיט די נייע ראטע וועט בע"ה ערמעגליכט ווערן צו קריגן אסאך מער גינסטיגע באדינגונגען ביים ארויסנעמען הלוואות פאר די ערווארטעטע גראנדיעזע פראיעקטן, וואס וועט אויטאמאטיש איינשפארן גאר אסאך געלט פאר די קרית יואל שטייערצאלער.

בשם ה' נעשה ונצליח.

# הערליכער תקנות-זאל "אולם עקשטיין" פראכטפול פארשענערט




(פארזעצונג פון זייט 6)

עקשטיין שליט"א מראשי קהילתנו הק'.

אגב איז דא אין פלאץ ארויסצוברענגען א הכרת הטוב צו די הנהלת הקרי', וועלכע האט געשפילט א צענטראלער טייל אין העלפן צושטאנד ברענגען דעם חתונה זאל מכח אל הפועל, דורכ'ן פארשאפן א פאנד אין די סומע פון $100,000, ספעציעל דעזיגנירט צו קענען אויפבויען דעם העכסט סאפיסטיקירטן קאך "בית התבשיל ברך משה", צוגערישט מיט די מאדערנסטע טעכניקן און פיטשיוקעס, אזוי אז מ'זאל קענען סערווירן די חתונה סעודה אויפ'ן העכסטן און שענסטן פארנעם ווי עס פאסט פאר א הויכן קאליבער זאל ווי "אולם עקשטיין", טראץ וואס עס דערקענט זיך בכלל נישט אינעם ביליגן פרייז וואס מ'בעט פון די מחותנים.

נאכדעם וואס עס זענען אדורך דריי גאנצע יאר פון ווען דער זאל איז פארוואנדלט געווארן פון א חלום צו א מציאות, וואס האט ממש געראטעוועט הונדערטער מחותנים פון אן איבריגע און דערדריקנדע געלט לאסט, האט דער "ועד החתונה תקנות" אונטערגענומען אן אקציע צו באפיצן דעם זאל און עס נאכמער פארשענערן לשמחת לב פון די אלע בעלי שמחה בהוה ובעתיד.

די יעצטיגע אונטערנעמונג איז צושטאנד געקומען אדאנק נדבת לבו פון העסקן הנמרץ הרה"ח ר' יעקב אלי' רייזמאן הי"ו, קרית יואל ווילידזש טראסטי, וואס אויסער זיין אימערמידליכע עסקנות פאר יעדע דבר שבקדושה, און זיין ווארימע הילף וואס ער צייגט ארויס פאר יעדן וואס ווענד זיך צו אים מיט סיי וועלכע בקשה, שפילט ער א צענטראלע ראלע אין העלפן ראטעווען גאנץ כלל ישראל פון דעם זומפ וואס האט זיך גערופן "איבערגעטריבענע חתונה הוצאות", דינענדיג אלס יו"ר פונעם "ועד החתונה תקנות שע"י קהל יטב לב ד'סאטמאר", וואס איז אויפגעשטעלט געווארן עפ"י פקודת הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א.

דאסמאל איז ער געגאנגען א טריט ווייטער, אז אין צוגאב פון ארייינלייגן קאפ און מח, און טויזנטער שעות אויף שעות, אין צושטאנד ברענגען די רעוואלוציאנערנדע תקנות האט ער דאסמאל, לרגל השמחה השורה בביתו מיט'ן חתונה מאכן זיין חשוב'ן טאכטער שתחי', גענומען אויף זיך זעלבסט די ריזיגע קאסטן פון איבערפרישן און פארשענערן דעם זאל לטובת די אלע צוקונפטיגע מחותנים וועלכע וועלן דארט חתונה מאכן בע"ה.

די פילע הונדערטער תושבי קרית יואל וועלכע זענען געקומען זיך מיטפרייען מיט די גרויסע שמחה פונעם חשוב'ן מחותן, וועלכער האט שוין אזויפיל געלייסטעט פאר גאנץ קרית יואל און פאר חסידי סאטמאר פון איבער דער גארער וועלט, און וועלכער גיבט זיך אוועק יומם ולילה מיט מסירות נפש לטובת הכלל והפרט, זענען טאקע אויסטערליש נתפעל געווארן פון די פראכטפולע ווערק וויאזוי מ'האט אויפגעפרישט דעם זאל נאכמער ארויפצוברענגען איר הויכן ניווא.

אין די יעצטיגע פאזע האט מען גענצליך איבערגעמאכט דעם מענער אריינגאנג צום "אולם עקשטיין", פונעם דאך ביז די פלאר-טיילס און אלעס אינצווישן. עס איז אויך צוגעלייגט געווארן א הערליכער "קאוט רום" פאר די מחותנים, קרובים, און געסט, אנשטאט ווי ביז היינט וואס די מאנטלען זענען אלע געלעגן אינעם זעלבן צימער וואו מ'האט זיך געדרייט כסדר אריין און ארויס. באזונדער האט מען אינדרויסן אויף די גאס צוגעלייגט א דעכל וואו מ'זאל קענען ווארטן אויף קארס, באס, אד"ג, אן דארפן זיין אויסגעשטעלט צו רעגן אדער שניי.

עקסטער האט מען אויך איבערגעמאכט דעם דאך אינעווייניג אינעם זאל, וואס זאל זיין אהערגעשטעלט אויף א פראכטפולן פארנעם. ווי אויך זענען צוגעלייגט געווארן ספעציעלע באצירונגען ארום די ווענט פונעם זאל, לפאר ולרומם דעם "אולם עקשטיין" ווי יעדער חתונה זאל אויף אזא הויכן סטאנדארט.

אין נאמען פון גאנץ קרית יואל ווינטשט "הקריה" א הארציגן מזל טוב פאר'ן חשוב'ן מחותןחבר הנהלת קרית יואל, מיט א באזונדערן דאנק פאר זיינע פילע לייסטונגען לטובת די "חתונה תקנות בכלל און דאס איבערבויען פונעם זאל בפרט, און מיר לייגן צו א הארציגן וואונטש אז ער זאל זוכה זיין ווייטער ארויפצוגיין מעלה מעלה מיט זיין הערזאישער און איבערגעגעבנער עסקנות אויף נאך לאנגע געזונטע יארן, כולם שוין לטובה, עד ביאת הגואל ומלכינו בראשינו במהרה.

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה.


# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949

Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

## -קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט-

# לתועלת הרבים!

**מיר ווילן מודיע זיין פאר'ן חשוב'ן ציבור אז עס איז דא א ספעציעלע נומער וואו איר קענט אריינרופן איבערקוקן צו אייער לייסענס איז אין ארדענונג**

די נומער איז:

**518-474-0841**

מען קען רופן דעם נומער פון מאנטאג ביז פרייטאג פון 8:00 אינדערפרי ביז 4:00 נאכמיטאג.

**עס איז וויכטיג צו וויסן! עס מאכט זיך אפט אז מען האט פראבלעמען מיט די לייסענס און מען ווייסט נישט דערפון; זייט געווארענט! דרייוון מיט סוספענדירטע לייסענס איז אומלעגאל, די פאליצייי קען ארעסטירן דעם דרייווער און אוועקנעמען דעם קאר**

די קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט

## אינפארמאציע און באריכטן פון




(פארזעצונג פון זייט 6)

***

### ביים אָנקומען צום עלטער פון 65 יאָר לאויו״ש זענט איר פולשטענדיג באַרעכטיגט צו מעדיקעיר

אויב איר זענט אין אייערע זעכציגער יאָרן ווייסט איר אַז דער יאָר ווען מען קען אָנהויבן באַקומען פולע רעטייערטמענט בענעפיטן ווי סאשל סעקיוריטי אד״ג, האָט זיך געטוישט פון 65 יאָר צו 67 יאָר. דאָס האָט שוין פּאַסירט יאָרן צוריק, אָבער ביי מעדיקעיר איז דאָס נאָך אַלץ ווי אַמאָל און ביי 65 יאָר אַלט זענט איר באַרעכטיגט צו פילע מעדיקעיר בענעפיטן.

דאָס מיינט אַז איר דאַרפט זיכער מאַכן זיך איינצושרייבן ווי נאָר איר ווערט 65 יאָר צו געניסן פונעם מעדיקעיר פראָגראַם.

אויב ווילט איר אָנהויבן אייער מעדיקעיר דעקונג ווי נאָר איר ווערט 65 יאָר אַלט, איז גוט זיך איינצוגעבן אין די דריי מאָנאַטן בעפאָר מען ווערט 65 יאָר, איר קענט דאָס טאָן אָנליין אין אַזויפיל ווי בלויז צען מינוט דורכ׳ן גיין צום אָנליין אַדרעסע www.socialsecurity.gov/medicareonly.

ביים וועבסייט וועט איר געפינען מער ווי בלויז דעם אָנליין מעדיקעיר אַפּליקאַציע, איר וועט אויך געפינען אינפאָרמאַציע איבער מעדיקעיר און אנדעע אַנגעלעגנהייטן.

פאַרוואָס זאָלט איר גיין אָנליין זיך איינצוגעבן פאַר מעדיקעיר? ווייל עס איז שנעל, גרינג און פאַרזיכערט. איר דאַרפט נישט קיין אַפּוינטמענט און איר דאַרפט נישט וואַרטן אין טראַפיק אָדער אינעם ליין. ווילאַנג איר האָט איבריגע צען מינוט האָט איר די צייט צו פאַרענדיגן און אַריינגעבן אייער אָנליין מעדיקעיר אַפּליקאַציע.

מענטשן וועלכע האָבן שוין אָנגעהויבן באַקומען זייער סאָושעל סעקיוריטי רעטייערמענט בענעפיטן אָדער דיסעביליטי בענעפיטן בעפאָר דעם עלטער פון 65 יאָר, דאַרפן זיך נישט איינגעבן פאַר מעדיקעיר וואָרום זיי ווערן אויטאָמאַטיש איינגעשריבן פאַר מעדיקעיר.

עס איז נישטאָ קיין טשאַרדזש פאַר מעדיקעיר האָספּיטאָל אינשורענס (מעדיקעיר פאַרט עי.), דאָס איז שוין אויסגעצאָלט געוואָרן דורכדעם וואָס איר האָט געאַרבעט די אַלע יאָרן און געצאָלט דעם מעדיקעיר פעיראָל שטייער, אָבער פאַר מעדיקעיר פאַרט בי. וואָס דעקט דאָקטוירים באַזוכן, איז דאָ אַ מאָנאַטליכע פרימיום. אויב איר האָט אַן אַנדערן העלט אינשורענס ווען איר ווערט באַרעכטיגט צו מעדיקעיר דאַרפט איר מאַכן אַ באַשלוס צי איר זאלט בלייבן מיט׳ן אייגענעם העלט אינשורענס אדער איר זאָלט נעמען מעדיקעיר.

צו הערן מער אויסוואַלן איבער אייערע העלט קעיר דעקונג באַשלוסן לייענט דעם אָנליין פּאָבליקעישאָן, גערופן מעדיקעיר, ביי www.socialsecurity.gov/pubs/10043.html אדער באַזוכט www.medicare.gov.

צו געוואויר ווערן מער וויאַזוי זיך איינצוגעבן אָנליין פאַר מעדיקעיר באַזוכט ביי www.socialsecurity.gov/medicareonly.

***

### פראַגן און ענטפערס

*

### מעדיקעיר

פראַגע: איך דאַרף מאַכן טוישונגען צו מיין מעדיקעיר פּאַרט די. פּרעסקריפּשאָן דראָג דעקונג, ווען קען איך דאָס טאָן?

ענטפער: דער אַזויגערופענער ״אָפענע סעזאָן״ פאַר מעדיקעיר פאַרט די. פּרעסקריפּשאָן דראָג דעקונג (ד.מ. די צייט וואָס מען קען מאַכן ענדערונגען), איז יערליך פון אָקטאָבער 15 ביז דעצעמבער 7. דער מעדיקעיר פאַרט די. פּרעסקריפּשאָן דראָג דעקונג איז צו באַקומען פאַר אַלע מעדיקעיר געניסער. דאָס זיך אָנשליסן דערינען איז וואָלונטאַריש, און די וואָס זענען איינגעשריבן דערינען צאָלן אַ באַזונדערן מאָנאַטליכן פרימיום דערפאַר.

אַז איר טראַכט פון טוישן אייער פאַרט מעדיקעיר די. פּרעסקריפּשאָן דראָג דעקונג פּלאַן, איז מעגליך אַז איר קענט זיך איינגעבן צו געניסן פון ספּעציעלע הילף וואָס די רעגירונג גיט פאַר די וועלכע זענען אומפאַרמעגליך און דאַרפן הילף מיט זייערע פּרעסקריפּשאָן דראָג אויסגאַבן.

איר קענט אויך באַקומען רעגירונגס הילף צו צאָלן די מאָנאַטליכע פרימיומס, יערליכע דידאָקטעיבלס, און פּרעסקריפּשאָן קאָ-פּעימענטס. וואָס די צוגאַבליכע הילף קען מיינען פאַר אייך $4,000 יערליך. אויסצוגעפינען מער גייט צו www.socialsecurity.gov/prescriptionhelp. פאר מער אינפארמאציע איבער דעם מעדיקעיר פאַרט די. פּרעסקריפּשאָן דראָג דעקונג פּלאַן זעלבסט גייט צו www.medicare.gov אָדער רופט 1-800-MEDICARE, (1-800-633-4227), פאַר די וואָס ווילן נוצן TTY איז דער נומער (1-877-486-2048).

*

### אַלגעמיין

פראַגע: איך האָב זיך איינגעגעבן פאַר אַ סאָושעל סעקיוריטי קאַרד פאַר מיין קינד אין שפּיטאָל, אָבער דער קאַרטל איז צוריקגעקומען מיט׳ן נאָמען נישט ריכטיג אויסגעלייגט, וואָס זאָל איך טאָן?

ענטפער: געפינט מינימום צוויי אָריגינאַלע דאָקומענטן וואָס איבערצייגט אייער קינד׳ס בירגערשאַפט און אידענטיטעט, און אויך איין פּרוף פון אייער אידענטיטעט אַלס איינע פון די עלטערן, און גייט צום לאָקאַלן סאָושעל סעקיוריטי אָפיס און בעט מען זאָל קאָרעקטן דעם קאַרד.

די דאָקומענטן וואָס איר ברענגט מוזן זיין אָריגינאַלע אָדער קאָפּיעס וואָס זענען סערטיפייד געוואָרן דורך די וועלכע האָבן דאָס אַרויסגעגעבן, מען קען נישט אַקצעפּטירן קאָפּיעס אָדער נאָטאַריזירטע קאָפּיעס פון דאָקומענטן, צו געוואויר ווערן מער איבער די דאָקומענטאַציע פאַרלאַנגען גייט צו www.socialsecurity.gov/ssnumber.

פראַגע: וואספארא סאָרט דאָקומענטן אַקצעפּטירט סאָושעל סעקיוריטי אַלס אידענטיטעט באַווייזן פאַר אַ קינד?

ענטפער: איר קענט נוצן דעם בוירט סערטיפיקאַט אַלס איבערצייגונג פונעם עלטער און בירגערשאַפט פונעם קינד, אָבער דאָס קען נישט גענוצט ווערן אַלס באַווייז פון אידענטיטעט פונעם קינד, פאַרדעם צוועק וועט איר דאַרפן נוצן דעם פּאַספּאָרט פונעם קינד, אָדער וועט סאָושעל סעקיוריטי מעגליך אַקצעפּטירן אַן: אַדאָפּטירונג צעטל; דאָקטאָר, קליניק אָדער שפּיטאָל רעקאָרד; דעיק-קעיר צענטער אָדער סקול רעקאָרד, אָדער; אַ סקול אידענטיפיקאַציע קאַרטל.

סאָושעל סעקיוריטי אַקצעפּטירן אַ נישט-בילד אידענטיפיקאַציע דאָקומענט אויב עס האָט גענוג אינפאָרמאַציע צו אידענטיפיצירן דעם קינד (צב״ש דאָס קינדס נאָמען און עלטער, געבורט דאַטום און עלטערנס נעמען).

די דאָקומענטן וואָס איר ברענגט מוזן זיין אָריגינאַלע אָדער קאָפּיעס וואָס זענען סערטיפייד געוואָרן דורך די וועלכע האָבן דאָס אַרויסגעגעבן, מען קען נישט אַקצעפּטירן קאָפּיעס אָדער נאָטאַריזירטע קאָפּיעס פון דאָקומענטן, צו געוואויר ווערן מער איבער די דאָקומענטאַציע פאַרלאַנגען גייט צו www.socialsecurity.gov/ssnumber.

# ״אנולירן מכירה פון וואסער טענק פראפערטי״

(פארזעצונג פון זייט 7)

כסדר פארהאנדלט מיט די באאמטע פון טאון אוו וואודבארי, וואס דער שטח איז אונטער זייער יוריסדיקציע, און נאכגעקומען פארשידענע פארלאנגען, טייל דערפון היפש קוריאז, אבי צו זיין זיכער אז מ׳קומט זיך דורך און עס שאפן זיך נישט קיין פראבלעמען אין דעם קריטיש וויכטיגן פראיעקט.

ווי עס האט זיך שפעטער ארויסגעשטעלט האט דאס אלעס ליידער נישט געהאלפן, און נאך אינמיטן בויען האבן די וואודבארי באאמטע זיך בארעכנט, נאך וואס זיי זענען אויסגעשטאנען א שטארקן דרוק פון די וואודבארי איינוואוינער וועלכע זוכן צו שטערן די הרחבת גבולי הקדושה פון קרית יואל, און אין 08׳ למס׳ זענען זיי געלאפן אין געריכט צו אנולירן דעם פארקויף פון די פראפערטי פאר׳ן ווילידזש, מיט די טענה אז טעכניש איז די 13 אקער פראפערטי נישט געהעריג לעגאל צעטיילט געווארן אין סוב-דיוויזשאנס, ווען די אמת׳ע כוונה איז אפצוהאלטן קרית יואל פון קענען נוצן די פראפערטי, און במילא אויטאמאטיש מער נישט קענען נוצן די אנדערטהאלבן מיליאן גאלאן וואסער אין די טענק, וואס אן דעם פארלירן טויזנטער נפשות זייער וואסער פרעשער.

תלי״ת האבן זיי פארלוירן אין סטעיט סופרים קאורט, ווען דער סטעיט ריכטער סְלָאבָּאָד האט אין Feb 11׳ למס׳ געאורטיילט אז די מכירה איז געווען פולקאם אויסגעהאלטן, און קרית יואל קען ווייטער געהעריג נוצן די וואסער טענק.

אבער הרשעים ׳כים׳ נגרשו, און די טאון אוו וואודבארי האט אפעלירט דעם באשלוס. נאך א לאנגע פראצעדור פון אריבער אן אנדערטהאלבן יאר פון געריכט פארהערן, אריינגעבן פאפירן, אד״ג. האט דער אפעלאט געריכט געאורטיילט צוריקצושיקן דעם קעיס צו ריכטער סלאבאד, זאגנדיג אז זי האט צו שנעל געאורטיילט, און פארלאנגט זי זאל איבערגיין נאכאמאל דעם גאנצן קעיס.

מאמענטאל האט קרית יואל אריינגעגעבן די פרישע פאפירן צו ריכטער סלאבאד, און מ׳ווארט אצינד אויפ׳ן ענטפער פון די טאון אוו וואודבארי, וואס דארף אריינגעגעבן ווערן ביז געציילטע וואכן.

# ״וואסער טענק אנעקסעישאן געריכט״

(פארזעצונג פון זייט 7)

איבריגע פראפערטי, אריינגעגעבן אין May 12׳ למס׳ אן אנעקסירונג פארלאנג צו 3 מוניציפאליטעטן: די טאון אוו וואודבארי; די ווילידזש אוו וואודבארי; און די טאון אוו מאנרא. דערנאך איז פארגעקומען אין July 5 א פובליק הירינג, וואו איינוואוינער פון די אלע מוניציפאליטעטן האבן זיך געקענט לאזן הערן – צווישן אנדערע האט איין וואודבארי איינוואוינער זיך אפן אויסגעדרוקט, אז ער איז קעגן די אנעקסירונג ווייל ״אונזערע פריינטליכע באבערדלטע שכנים ווילן איבערמאכן אונזערע ווילידזש גרעניצן״...

90 טעג נאכ׳ן פאבליק הירינג, איז דער צייט ווען די מוניציפאליטעטן דארפן פאסן זייער באשלוס. ווי ערווארטעט האבן די טאון און דער ווילידזש פון וואודבארי אפגעווארפן דעם אנעקסירונג פארלאנג, אבער דער טאון אוו מאנרא האט עס יא באשטעטיגט, מיט די טענה אז דער פראפערטי אייגנטימער שטייט אויס ״אפענע האס״ אונטער די טאון אוו וואודבארי, און זיי האבן צווישן אנדערן אנגעוויזן אויף דעם העסליכן אויסדרוק איבער די ׳באבערדלטע שכנים׳.

אזוי ווי עס איז יעצט געווארן א קאנפליקט צווישן צוויי מוניציפאליטעטן, מאנרא און וואודבארי, האט די טאון אוו מאנרא זיך געקענט ווענדן דירעקט צום אפעלאט געריכט אריינצוקוקן אין די קעיס און באשטימען וועלכע זייט איז גערעכט.

די טאון אוו מאנרא האט ווירקליך זיך געוואנדן צום אפעלאט געריכט מיט׳ן אריינגעבן א קלאגע קעגן וואודבארי, (קארט קעיסעס צווישן מוניציפאליטעטן ווי אנעקסעישן, גייט גראד צום אפעלאט געריכט) און באזונדער האט קרית יואל ווילידזש, ווי אויך דער פראפערטי אייגנטימער, אריינגעגעבן א ׳מאושען׳ זיך אנצושליסן אין די קלאגע אלס באזונדערע ׳פארטיס׳.

מאמענטאל ווארט מען אויף וואודבארי׳ס ענטפער, און ביז קומענדיגן מערץ למספרם וועלן האפנטליך אלע פאפירן פון ביידע זייטן האבן אנגעקומען אין אפעלאט געריכט. דער געריכט טוט באשטימען 3 געזעצליכע פארמיטלער, וועלכע קוקן אריין אין אלע פאקטן און פרעזענטירן דאס פאר׳ן געריכט. דאן וועט קומען דער אורטייל, האפענטליך לטובת קרית יואל בעז״ה.

# ״קאונטי׳ס פארפליכטונג צו פארברייטערן דעם סוער״

(פארזעצונג פון זייט 7)

מער וואסער מיינט מער דירות אין די געגנט, אָן וואס עס זאל זיין דא גענוג סוער צו קלעקן פאר די וואקסנדע געברויכן פון די נייע הייזער. אבער יעצט מיט די נייע סוער פארפליכטונג איז שוין דא פלאץ פאר מער הייזער און וואסער.]

אבער ווידער איז ויבא השטן בתוכינו. דער זעלבער וואודבארי עלעמענט וואס ארבעט אויף יעדן פראנט צו שטערן קרית יואל׳ס וואוקס, האט יעצט אריינגענומען ׳ווילידזש אוו הערימאן׳ אלס שותף, און אנגעקלאגט די קאונטי אינאיינעם מיט קרית יואל, אז זי האט נישט קיין רעכט זיך צו פארפליכטן צו בויען פרישע סוער, אן דורכפירן א גרונטליכע שטודיע איבער וויאזוי דאס וועט אפעקטירן די גאנצע ענווייראמענט אין די געגנט. דעריבער האבן זיי פארלאנגט אז דער סוער פארפליכטונג זאל דערקלערט ווערן אלס אומלעגאל, און אזוי אויך זאל דער אפמאך מיט קרית יואל ווערן אנולירט, וויבאלד ס׳איז באזירט אויף אן אומלעגאלע פארפליכטונג, וואס טייטשט אז דאס וועט אויך אפשטעלן די קאונטי רעכטן פון פארקויפן די אויבנדערמאנטע פרישע סוער פערמיטס — און נאך וויכטיגער, אז די קאונטי זאל דארפן אויפגעבן איר פארפליכטונג צו פארזיכערן אז קרית יואל פארמאגט אלעמאל גענוג סוער לויט אירע וואוקס געברויכן.

דער סטעיט ריכטער ניקאליי האט פארגאנגענעם מאי למס׳ געאורטיילט, אז די קאונטי דארף טאקע דורכפירן די גרונטליכע שטודיעס בעפאר זי קען זיך פארפליכטן צוצובויען נאך סוער ביים גרייכן די 85%.

צוליב דעם אפעקט וואס דאס קען האבן אויפ׳ן שפעטערדיגן סוער געברויך, האט קרית יואל אריינגעגעבן א נאטיץ צו אפעלירן דעם אורטייל און פארלאנגען אז דער געריכט זאל יא באשטעטיגן געזעצליך די פארפליכטונג פון צובויען צום סוער איינמאל עס דערגרייכט 85%, און אין די קומענדיגע וואכן דארף קרית יואל אריינגעבן אלע פאפירן פאר׳ן אפעלאט געריכט - און אגב אויך די ״הבה נתחכמה״ עלעמענטן אפעלירן דעם חלק וואס ערלויבט די קאונטי צו פארקויפן נאך סוער רעכטן פאר ׳מודנע׳ קאמיונטיס און פאר די קעמפ לאנגוואַרדיע פראפערטי, בעפאר די קאונטי איז נישט פארטיג מיט די גרונטליכע שטודיע צו קענען געזעצליך פארברייטערן דעם סוער [וואס דאן וועלן זיי קענען אנהייבן מיט א פרישע רונדע פון ענדלאזע לאנגיאריגע פאליטישע און געריכטליכע דריידלעך, היל״ת].

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220



**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


בס"ד

# וויכטיגע אנווייזונגען פאר תושבי קרית יואל אין פאל פון א שניי

1) מען זאל נישט פארקן די קארס אויף די ראודס אדער אויף די סיידוואקס כדי די שארער טראקס זאלן קענען געהעריג פוצן די שניי.

2) אכטונג געבן ווען מען פוצט אוועק די שניי פון ארום די קאר און פון די דרייוו–וועיס אז מען זאל נישט שליידערן די שניי אויף די ראודס.

3) אכטונג געבן אויף די קינדער נישט צו שטיין נעבן די סיידוואק שארער כדי עס זאל נישט צוקומען ח"ו צו קיין סכנה.

4) אזוי אויך זאל מען נישט לאזן אויף די סיידוואקס קיין גארבידזש קענס, שאוולעך, אדער בייקס וכדומה, ווייל די זאכן ווערן צובראכן פונעם שארער טראק.

5) אין די צייטן ווען די ראודס זענען גליטשיג, זאל מען זיך פארמיידן ווי ווייט מעגליך פון גיין אויף די ראודס, אזוי אויך איז זייער וויכטיג צו גיין מיט "רעפלעקטארס", ווייל עס איז אוממעגליך די קארס זאלן באמערקן די דורכגייער, ספעציעל ביי קארנערס ווען די קארס דרייען זיך און קענען זיך נישט אפשטעלן.

6) יעדער איינוואוינער איז פאראנטווארטליך אויפצושארן די שניי ארום זיין פאסט קעסטל, ביי די ערטער וואו עס איז נישט געפוצט די שניי וועט מען נישט דעליווערן די פאסט.

7) איינוואוינער פון די אויבערשטע שטאקן זאלן אראפהאקן מיט א בעזעם די שטיקער אייז וואס הענגט אראפ פון דאך, ווייל דאס איז אומשטאנד אראפצושלעפן די דרענס פון הויז. (פארשטייט זיך מען זאל אכטונג געבן קיינער זאל זיך נישט געפינען אונטער דעם בשעת מען ברעכט דאס אראפ).

מיט דאנק

**די ווילידזש**

## מחיל אל חיל:

# בוי־ארבעט פונעם "וואסער פייפליין" שווין אט א פאקט!

**ערשטע פאזע פון 7 מייל קאנטראקט אונטערגעשריבן מיט פירמע נאך וואס פראיעקט איז געווארן באשטעטיגט פון "ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט"; אנגעקומען ענדגילטיגער פערמיט פון NYS-DOT צו קענען גראבן אויף סטעיט רוט 32; און פון OC-DPW צו קענען גראבן אויף קאונטי רוט 44; ארבעט וועט ווערן אנגעהויבן ביז געציילטע וואכן איה"ה**

**פאלגט נאך ווייטערדיגע אנטוויקלונגען**



די טאמקא פירמע אין "ווילידזש האלל" ביים אונטערשרייבן דעם 10 מיליאן דאלערדיגן קאנטראקט אהערצושטעלן דעם ערשטן פאזע פונעם פייפליין



דער אונטערגעשריבענעם קאנטראקט גע'חתמ'ט פארגאנגענעם יום ג' דחנוכה

ORANGE COUNTY
DEPARTMENT OF PUBLIC WORKS

Charles W. Lee, P.E.
*Commissioner*

*Edward A. Diana*
*County Executive*

P.O. Box 509, 2455-2459 Route 17M
Goshen, New York 10924-0509
*www.orangecountygov.com*
TEL (845) 291-2750 FAX (845) 291-2778

Attachment A

December 20, 2012

CDM Smith
11 British American Blvd, Airport Park
Latham, NY 12110
Attn: Roy Richardson

Re: **Proposed KJ Catskill Aqueduct Transmission on County Route 44**
**From: Station 0+00 To: Station 179+50**

Dear Mr. Richardson:

The following requirements are required to be submitted with the permit application for the referenced project. Please have the contractor review and complete the following.

This Attachment (Attachment A) is required to be signed and dated by the contractor and submitted with the permit application and other requirements listed below.

1. Permit Fees:

## VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reizman

**-פובליק ווארקס דעפארטמענט-**

# בקשה ואזהרה!

אזוי ווי עס ווערן געהאנגען הונדערטער פלאקאטן אויף די גאסן, און עס לאזט איבער א געוואלדיגע שמוץ, וואס שטערט די ריינקייט און ארדענונג אין שטאט

**דעריבער מעלדן מיר אז עס איז נישט ערלויבט צו הענגען פלאקאטן אויף די גאסן, ספעציעל אויף סטאפ-סיינס אדער טרעפיק סיינס, אזוי אויך אויף ביימער וואס ס'מאכט שאדענס**

**אלע פלאקאטן וואס וועלן געהאנגען ווערן אין די גאסן וועלן אראפגענומען ווערן אין דעם זעלבן טאג**

מיר בעטן די אלע וואס מאכן פארטיס, מסיבות, פארזאמלונגען אדער סעילס, זאלן ביטע צו קענטעניס נעמען!

מיט דאנק

**די פובליק ווארקס דעפארטמענט**

# וויכטיגע אויפפאדערונג!

**היות קרית יואל איז לעצטנס געפלאגט פון נישט-אידישע קאר סערוויסעס, וועלכע שטעלן אריין דאס הייליג שטעטל אין א געפאר, בגשמיות וברוחניות, דורכ'ן אריינברענגען צומאל שעדליכע דרייווערס וואס קענען זיין פארברעכערס, ה"י**

**דעריבער אין נאמען פון די מנהלים און מחנכים פון די מוסדות הק', און בשליחות פון אסאך פארוויטאגטע משפחות, טוען מיר אלארמירן אלע תושבי קרית יואל**

# מען זאל גענצליך אויסמיידן די פרעמדע קאר סערוויסעס!

**אין אויסנאם פעלער ווען עס נישט דא צו באקומען קיין היימישע קאר סערוויס און מען איז געצווינגען זיי צו רופן, זאל מען זיך אוודאי נישט אריינזעצן אין א קאר וואס האט נישט קיין LIVERY פלעיטס.**

**עס איז א סכנה און נישט אויסגעהאלטן לויט'ן געזעץ, און אין פאל פון סיי וועלכע פראבלעם ח"ו וועט איר נישט קענען האבן קיין טענות נאר צו זיך אליין!**

**נעמט אין באטראכט:**

**אין אזא צייט ווען דער מצב הפרנסה פון אחב"י איז גאר שווער ה"י, איז דער אחריות פילפאכיג גרעסער!**
**צענדליגער היימישע יונגעלייט ציען זייער פרנסה פון קאר סערוויס ארבייט**
**לאמיר מקיים זיין אונזער פליכט וואס מיר זענען מחויב על פי תורה צו שטיצן אונזערע אייגענע ברידער וועלכע דארפן שפייזן די קינדער געבענטשטע פאמיליעס בליעה"ר**

**עס איז צום האפן אז דער עולם וועט נעמען צו קענטעניס די וויכטיגקייט פון דעם ענין, און מיט א כח הרבים וועט מען בעז"ה קענען ווייטער אפהיטן דאס הייליגקייט פון די שטאט.**

**מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע**

# העסקנים

# נייע "טראנספארטאציע האטליין" אינסטאלירט דורך הנהלת המוסדות

## וועט קענען אננעמען ביז 10,000 טעלעפאן רופן אויפאמאל

מיט א שטארקע הנאה ווערט אויפגענומען די מעלדונג דורך די הנהלת המוסדות פון קרית יואל אז זיי האבן אינסטאלירט א נייע טעלעפאן ליניע וואס וועט קענען אקאמאדירן גענוג א גרויסע צאל אריינרופער אויך אין קריזיס צייטן.

די לעצטע עטליכע מאנאטן האט זיך ארויסגעשטעלט ביי א צאל קריזיסן, ווי דער האריקעין, גרויסע שניי, אד"ג, אז דער צאל עלטערן אין מוסדותינו הקדושים האט איבערגעשטיגן די צאל וואס דער אלטער טעלעפאן ליניע פון די מוסדות האט געקענט דערהייבן, בליעה"ר... און עס זענען געווען צייטן וואס די אריינרופער האבן זיך אנגעטראפן אין א פארנומענע ליניע.

לויט'ן חשבון איז אויסגעקומען אז עס זענען געווען צייטן וואס טויזנטער אריינרופער האבן געקענט אריינרופן אין די סאמע זעלבע צייט, בלי גוזמא. דער טאטע רופט פונעם סעלפאן און די מאמע פונדערהיים. יעדעס קינד מוז פארשטייט זיך אויך עקסטער אריינרופן צו הערן די אינפארמאציע, און מיט דעם ריזיגן צאל קינדער אין די מוסדות כ"י ווערט דער טעלעפאן סיסטעם זייער שנעל איבערגעשטרענגט אין די פארנומענסטע שעות.

עס איז דערגאנגען אזוי ווייט אז איינמאל האט דער גאנצער סיסטעם געקראכט פון אזויפיל אריינרופער, און עס האט געדויערט לאנגע שעה'ן ביז ווען מ'האט געקענט פאררעכטן דעם סיסטעם אז עס זאל קענען ווידער אנהייבן אנצונעמען פרישע רופער.

די הנהלת המוסדות האט באלד אנערקענט אז דאס מוז פארראכטן ווערן און עלטערן מוזן האבן זאפארטיגע צוטריט צו די דאזיגע וויכטיגע אינפארמאציע, און האט זיך אריינגעווארפן צו טרעפן א לעזונג פאר דעם פראבלעם.

יעצט קען מען ב"ה מעלדן אז די הנהלה האט באוויזן אהערצושטעלן א ספעציעלע טעלעפאן ליניע וואס קען אננעמען ביז 10,000 טעלעפאן רופן אויפאמאל, וואס וועט קלעקן גענוג אפילו אויב גאנץ קרית יואל רופט אריין אויפאמאל אין די זעלבע סעקונדע... און דאס וועט בע"ה לעזן דעם פראבלעם אז די טעלעפאן ליניע זאל נישט ווערן אנגעשטויסן פון צופיל רופער (וויייניגסטנס פאר די קומענדיגע יארן...).

[דער אלטער נומער וועט ווערן אפדעיטעט בלויז אין א צייט פון קריזיס, ווי א שניי אד"ג.

ביטע זייט אויפמערקזאם אז דער נייער נומער איז נישט קיין לאקאלער נומער און ווערט פאררעכנט אלס לאנג דיסטענס. אויב איר האט א סעלפאון און/אדער לאנג דיסטענס אויף אייער טעלעפאן, ביטע רופט נאר דעם נייעם נומער כדי צו לאזן פלאץ אויפ'ן אלטן נומער פאר ווער עס וויל דארט אריינרופן].

צייכנט אייך אויף דעם נייעם נומער:
(845) 414-0099

VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin


Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


## <u>וויכטיגע מעלדונג</u>

דערמיט ווילן מיר מעלדן פאר אלע תושבי קרית יואל אז מען קען באצאלן די שטייערן פאר די "טאון אוו מאנרא" פון יעצט ביז דעם קומענדיגן זונטאג חול המועד פסח, March 31, אין טאון אפיס אויף 11 Stage Rd, אדער קען מען עס אריינשיקן אויף די פאסט צום:

**Town of Monroe Tax Collector**
**11 Stage Rd**
**Monroe NY 10950**

**מען קען באצאלן אין אפיס אין די פאלגענדע שטונדן:**

- יעדן טאג פון 9 צופרי ביז 2 נאכמיטאג;

**און אויך ספעציעלע זמנים ביים ענדע פון יעדן קאלענדער מאנאט:**

- זונטאג יתרו, January 27, פון 9 ביז 12 פארמיטאג;
- דאנערשטאג יתרו, January 31, פון 9 צופרי ביז 7 ביינאכט;
- זונטאג תשא (פורים), February 24, פון 9 ביז 12 פארמיטאג;
- דאנערשטאג תשא, February 28, פון 9 פארמיטאג ביז 7 נאכמיטאג;
- זונטאג, ערב שביעי של פסח, March 31, פון 9 ביז 12 פארמיטאג.

מאכט זיכער צו צאלן באצייטנס זיך צו שפארן שווערע געלט שטראפן און עגמת נפש.

מיט דאנק
**דער ווילידזש**


צייכנט אייך אויף דעם נייעם נומער:
(845) 414-0099



ר בנים,
ע סקנים,
פ ארמעגליכע,
ל מדנים,
ע לטערע,
ק ינדער,
ט אטעס,
א ינפארסירן
ר עפלעקטארס...

רעפלעקטארס ראטעווען לעבנס!

# טויזענטער איינוואוינער באטייליגן זיך אין קריטיש וויכטיגן "פלו קליניק", צוגעשטעלט דורך "עזרת חולים העלט צענטער"

### צוגעלייגט געווארן נאך דריי מאל, זונטאג וארא, זונטאג בא, און זונטאג בשלח צוליב געוואלדיגן פארלאנג - איבערפלוס פון איינוואוינער שטייגט איבער אלע ערווארטונגען - גאווערנאר קאומא דערקלערט א "פאבליק העלט עמוירזשענסי" צוליב פלו עפידעמיע

(פארזעצונג פון זייט 1)

אבער היי יאר שטייט מען שוין יעצט ביי העכער 20,000 אנגעשטעקטע מיט די פלו ווירוס, און דער ציפער האלט אין איין שטייגן. עס האט שוין אויך אפגעקאסט צענדליגער קרבנות ל"ע.

דאס האט געברענגט די רעגירונג'ס באאמטע אויפצוהייבן אן אלארם און אויפוועקן דעם ברייטן ציבור איבער די קריטישע נויטווענדיגקייט פון נעמען דעם וואקסין. די פלו קען אנטרעפן, און חלילה ערנסט שעדיגן, יעדן איינעם, הקטנים עם הגדולים. און דערפאר דארף יעדער זיכער מאכן צו נעמען דעם "פלו איינשפריץ".

וויבאלד די הנהלה פונעם "עזרת חולים העלט צענטער" שפירט די וויכטיגקייט און אחריות איבער דעם סוקסעס פון די געזונטהייט פון די קרית יואל'ער איינוואוינער, איז היי יאר צוגעשטעלט געווארן א ספעציעלער "פלו קליניק" — טראץ וואס ס'ווערט נישט פאררעכנט אלס דאקטאר וויזיט און די אינשורענס פירמעס באצאלן דערפאר נישט מער ווי א נישטיגער פראצענט פון די ריכטיגע קאסטן — וואו יעדער וואס האט געוואלט נעמען דעם וואקסין האט געקענט אריינקומען און באקומען א איינשפריץ, אן דארפן דורכגיין דעם לאנגן פראצעדור פון א דאקטאר'ס וויזיט.

פארגאנגענעם זונטאג וארא — נאך אפילו איידער גאווערנאר קאומא איז ארויסגעקומען מיט זיין עמוירזשענסי דעקלעראציע — איז געווען שוין דאס דריטע מאל היי יאר וואס דער "עזרת חולים העלט צענטער" האט צוגעשטעלט דעם גאר קריטישן סערוויס פון א "פלו קליניק". נאך די געוואלדיגע הצלחה פון די ערשטע 2 "פלו קליניקס" וועלכע זענען פארגעקומען פארגאנגענעם זונטאג פר' נח און זונטאג פר' וירא, און נאך וואס מ'האט צוריקגעהערט פון גאר אסאך איינוואוינער אין די שטאט וועלכע זענען נישט אנגעקומען צו קענען באקומען דעם וויכטיגן "פלו איינשפריץ", איז באשלאסן געווארן דאס צוצושטעלן נאכאמאל, כדי צו געבן נאך א געלעגנהייט פאר די תושבי קרית יואל צו קענען קריגן דעם וויכטיגן איינשפריץ.

למעשה האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער איינער זונטאג איז ווייט נישט געווען גענוג, און עס זענען אריינגעקומען א ריזיגע צאל פארלאנגען אז מ'זאל נאכאמאל צושטעלן דעם קליניק, ספעציעל נאך וואס עס איז אנטשטאנען א פאניק איבער דער אלארמירנדער צאל פון "פלו" פעלער אין ניו יארק, וואס האט געברענגט די ניו יארקער רעגירונג צו דערקלערן דעם עמוירזשענסי.

צוליב דעם אויסטערלישן פארלאנג האט דער "עזרת חולים" באשלאסן אויסצובררייטערן דעם "פלו קליניק" מיט נאך א גאנצן טאג, און זונטאג פר' בא — איין טאג נאך די עמוירזשענסי דעקלעראציע — איז דער העלט צענטער געעפנט געווארן מיט א פרישן "פלו קליניק". ארגינעל האט מען געדארפט עפענען 12 אזייגער, אבער 9 אזייגער צופרי ביים אנקומען צום עפענען די טויערן זענען שוין געשטאנען דארט לאנגע רייעס פון קרית יואל'ער איינוואוינער וועלכע זענען געקומען נעמען דעם איינשפריץ, און מ'האט געמוזט אנהייבן געבן דעם איינשפריץ באלד צופרי.

איבער'ן גאנצן טאג האט זיך אנגעזען א געוואלדיגער אנלויף פון איינוואוינער וועלכע זענען געקומען אויסנוצן די געלעגנהייט, אזש דער העלט צענטער האט קוים געקענט נאכקומען דעם אויסטערלישן פארלאנג. 7:15 איז מען פשוט געווען געצווינגען צו פארשפארן די טויערן און נישט אריינלאזן קיין פרישע מענטשן, וואס אזוי אויך איז מען פארטיג געווארן היפש נאך 9 אזייגער — מער ווי 12 שעה ארבעט אין איין צי — צו געבן דעם

(פארזעצונג אויף זייט 16)


## EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • ***Tel.*** 845.782.3242 • ***Fax:*** 845.783.7133

בס"ד

# פלו וואקסין אינפארמאציע

יעדע קרענק קומט פון באקטעריע אדער ווירוסעס. יעדעס מאל וואס א מענטש ווערט קראנק פראדוצירט דער קערפער "אנטיבאדיס" וועלכע באקעמפן די באקטעריע/ווירוס ביז ווען עס שטארבט אפ און הערט אויף שעדיגן דעם קערפער.

אבער דער אימיון סיסטעם פונעם מענטש ארבעט גאר וואונדערליך, אז אויך ווען די באקטעריע ווערן פארניכטעט, פארבלייבן אינעם קערפער ספעציעלע "מעמארי צעלן" וועלכע 'געדענקען' וויאזוי זיך צו שלאגן מיט די ארגינעלע קראנק-מאכנדע באקטעריע.

אדאנק די דאזיגע "מעמארי צעלן" וועלן די באקטעריע מער נישט קענען שעדיגן דעם קערפער, ווייל זיי וועלן באקעמפן די באקטעריע נאך איידער עס קען מאכן גענוג שאדן פאר'ן קערפער קראנק צו מאכן דעם מענטש.

טייל פון די "מעמארי צעלן" קענען בלייבן אין קערפער צענדליגער יארן, אבער אנדערע "מעמארי צעלן" האלטן זיך נישט אזוי לאנג און זיי ווערן פארשווינדן נאך א קורצע צייט.

## באקעמפן די פלו באצייטנס

די פלו קומט אויך פון א שעדליכע ווירוס. כדי צו באקעמפן די דאזיגע פלו ווירוס פעלט זיך אויס אז ס'זאל זיין אינעם קערפער די ספעציפישע אנטי-פלו "מעמארי צעלן" וועלכע קענען באקעמפן די קרענק.

דער פראבלעם איז נאר אז די אנטי-פלו "מעמארי צעלן" האלטן זיך נישט גענוג לאנג אינעם קערפער, און א קינד צב"ש וואס האט נאך קיינמאל נישט געהאט די פלו, אדער איינער וואס האט שוין נישט געהאט די פלו א לאנגע צייט, פארמאגט נישט פון די דאזיגע "מעמארי צעלן" וועלכע באקעמפן די פלו ווירוס גענוג באצייטנס בעפאר זיי מאכן קראנק דעם מענטש.

און נישט נאר קינדער אד"ג, אויך געזונטע מענטשן קענען גרינג פארלירן די אנטי-פלו "מעמארי צעלן", און נאכמער איז עס שייך ביי מענטשן מיט שוואכע אימיון סיסטעמען, ווי עלטערע מענטשן אדער עמיצער מיט א כראנישע קרענק ווי דייעביטיס אד"ג, וועלכע האבן מער שאנסן צו פארלירן די קריטישע "מעמארי צעלן".

דער פלו וואקסין טוט דעם קונץ פון מאכן דעם קערפער פראדוצירן די וויכטיגע אנטי-פלו "מעמארי צעלן" נאך **בעפאר** דער קערפער ווערט אנגעשטעקט, אזוי אז אפילו אויב מ'איז נישט פארבליבן מיט קיין "מעמארי צעלן" פון אמאליגע יארן, ווערן זיי יעצט פריש פראדוצירט, אז אויב מ'ווערט ח"ו אמת'דיג אנגעשטעקט פון די פלו ווירוס האט מען תיכף גרייט די אנטי-פלו 'סאלדאטן' וועלכע וועלן זיי באקעמפן פון די ערשטע סעקונדע, נאך איידער זיי קענען קראנק מאכן דעם מענטש.

## וויאזוי ארבעט דער וואקסין?

דער וואקסין ווערט צוזאמגעשטעלט פון אפגעשטארבענע פלו ווירוס צעלן וועלכע קענען שוין נישט קראנק מאכן דעם מענטש, אבער זיי וועלן יא פארנארן דעם קערפער כאילו ער איז אנגעגריפן געווארן דורך די שעדליכע פלו ווירוס, און דאס ברענגט דעם קערפער צו פראדוצירן "אנטיבאדיס", און צוזאמען דערמיט אויך "מעמארי צעלן", אזוי אז שפעטער ווען דער מענטש ווערט אמת'דיג אנגעשטעקט פון די פלו, האט ער גרייט די נייע היי-יאריגע "מעמארי צעלן" זיך צו שלאגן מיט די ווירוס.

וויבאלד די ווירוס צעלן אינעם וואקסין זענען טויט, קען מען נישט ווערן אנגעשטעקט דערפון, אבער מ'דארף יא נעמען אין אכט אז עס קען נעמען ביז צוויי וואכן אז די "מעמארי צעלן" זאלן ווערן פראדוצירט גענוג שטארק, גרייט צום קאמף, און דערפאר איז ראטזאם צו נעמען דעם וואקסין וואס פריער כדי די "מעמארי צעלן" זאלן ווערן גענוג פארמערט און אויפגעבויט צו זיין גרייט אויף די מינוט וואס דער פלו ווירוס אטאקירט דעם מענטש ח"ו.

עס איז אויך פאראן אן אנדער סארט וואקסין וועלכעס ווערט אריינגעשפריצט דורך די נאז, און דאס אנטהאלט יא לעבעדיגע, כאטש אויסטערליש אפגעשוואכטע, ווירוס צעלן, און דער אויפטו פון די דאזיגע וואקסין איז אז עס הייבט אן ארבעטן אסאך שנעלער, אין בלויז 3 טאג. פרעגט דעם דאקטאר וועגן קריגן די נאז-איינגעשפריצטע וואקסין.

וויבאלד די וואקסינען צווינגען דעם קערפער צו 'באקעמפן' די פאלשע פלו, קען עס ברענגען צייטווייליגע זייטיגע-אפעקטן ווי א לייכטער פיבער אדער שוואכקייט אין די מוסקלען. אזוי אויך קענען זיך צומאל שאפן צייכענעס פון א פארקילעכץ, ווי קאפווייטאג, א רינענדיגע נאז, האלז ווייטאג, אדער הוסן. אבער איר דארפט נישט זיין באזארגט דעריבער.

זאלן מיר אלע זיין געזונט און שטארק!

# "דענטאַל" אָפּטיילונג אין "עזרת חולים העלט צענטער" ווערט דראסטיש פארגרעסערט מיט 3 נייע דענטיסט צימערן

(פארזעצונג פון זייט 5)

ערמעגליכן בע"ה צו עפענען די דענטאל אפטיילונג פון 7 אזייגער אינדערפרי ביז עלף אזייגער ביינאכט!

נישט נאר טוט דאס ווייטער אויסברייטערן די מעגליכקייטן נאכצוקומען דעם ריזיגן געברויך, נאר דאס וועט אויך צושטעלן א געלעגנהייט פאר יעדן איינוואוינער אויסצוקלויבן א צייט אין טאג וואס איז אים די מערסטע פאסיג, וואס איז א באזונדערע געוואלדיגע מעלה פאר זיך.

דאָס איז אָבער נאָר די ערשטע פאַזע, ווייל לויט דעם אומגעהויערן פאַרלאַנג איז קלאָר אַז די נייע צימערן און דאָקטוירים וועלן ווייט נישט זיין גענוג צו קענען נאָכקומען דעם געברויך ווי געהעריג, דערפאַר איז די הנהלה פונעם העלט צענטער שוין יעצט טיף אינמיטן די צווייטע פאַזע, וואָס וועט ערמעגליכן צו האָבן אַזויפיל ווי 21 באהאנדלונג'ס צימערן בלויז אינעם "דענטאַל" אָפּטיילונג!, און וועט האָפנטליך זיין גענוג צו דעקן דעם געברויך, וויינינגסטנס פאַר'ן נאָנטן צוקונפט[...].

פאַרשטייט זיך אַז אַזויווי יעדער איינציגער צימער דאַרף דורכגיין די נויטיגע פּראָצעדורן צו ווערן פאַרזיכערט דורך די העלט דעפּאַרטמענט אַז עס איז פולקאָם אויסגעהאַלטן מיט די וויכטיגע לעגאַלע פאַרלאַנגען בעפאָר מ'קען עס עפענען, איז דערפאַר אוממעגליך זיך צו רוקן פאָראויס מיט דעם גאַלאָפּ וואָס מ'וואָלט געוואָלט.

ווי געזאָגט, וועלן די 3 נייע צימערן האָפנטליך שוין זיין אָפן אין די קומענדיגע וואכן, און בע"ה וועט מען אין די קומענדיגע מאָנאַטן מעלדן דעם ווייטערדיגן פארשריט.





די נייע צימערן שוין כמעט גרייט אויפצונעמען פאציענטן

# הונדערטער פאציענטן געניסן פון נייע "סליידינג פי" און "פראַמפּט פעי דיסקאַונט" פראגראמען אין 'עזרת חולים העלט צענטער'

(פארזעצונג פון זייט 5)

נאך אייער באזוך ביים דאקטאר לויט די פארשריפטן פון אייער אקאונט.

אין א באזונדערע איניציאטיוו געצילט צו אינשורענס-לאזע פאציענטן וועלכע זענען נישט בארעכטיגט צום "סליידינג פי" פראגראם, טוט 'עזרת חולים העלט צענטער' פארשטעלן א פראגראם אונטער'ן נאמען 'פראמפט פעי דיסקאונט', וועלכע פרעזענטירט די מעגליכקייט צו קריגן א 30 פראצענט פרייז רעדוקציע! אויב באצאלט מען די גאנצע פרייז אויפ'ן פלאץ.

דער דאזיגער פראגראם איז נישט געצוימט צו קיין יערליכע געהאלט סטאטוס אדער משפחה גרויסקייט. סיי וועלכע אויסגאבע וואס ווערט נישט געדעקט דורך אינשורענס און ברויך באצאלט ווערן מיט קעש, פאלט אויטאמאטיש אריין אונטער די 'פראמפט פעי דיסקאונט' פראגראם מיט א דרייסיג פראצענטיגע הנחה פונעם טאטאלן סכום אויב ווערט עס באצאלט אויפ'ן פלאץ. [עס זענען פאראן געציילטע אויסנאמען אויך ביים "פראמפט פעי דיסקאונט" פראגראם. פאר מער דעטאלן קען מען זיך ווענדן צום בילינג דעפארטמענט פון "עזרת חולים"].

צענדליגער משפחות האבן אין די לעצטע חדשים זיך שוין אנגעשלאסן אינעם 'סליידינג פי' פראגראם, און קרוב צו טויזנט באזוכן האבן שוין גענאסן פון די גרויסע הנחות פונעם פראגראם. דאס איז א סך-הכל פון שווערע צענדליגער טויזנטער דאלארן וואס איז געשפאָרט געווארן פאר תושבי קרית יואל אדער פרעמדע באזוכער וועלכע האבן געברויכט אנקומען צום העלט צענטער און האבן נישט פארמאגט קיין אינשורענס דעקונג.

אויך די נייע 'פראמפט פעי דיסקאונט' פראגראם, אנטשפרעכט צו שפארן אסאך געלט פאר משפחות פון קרית יואל און אינדרויסן אי"ה.

התורה חסה על ממונם של ישראל.

# טויזנטער איינוואוינער באטייליגן זיך אין קריטיש וויכטיגן "פלו קליניק", צוגעשטעלט דורך "עזרת חולים העלט צענטער"

## צוגעלייגט געווארן נאך דריי מאל, זונטאג וארא, זונטאג בא, און זונטאג בשלח צוליב געוואלדיגן פארלאנג - איבערפלוס פון איינוואוינער שטייגט איבער אלע ערווארטונגען - גאווערנאר קאומא דערקלערט א "פאבליק העלט עמורזשענסי" צוליב פלו עפידעמיע

(פארזעצונג פון זייט 15)

איינשפריץ פאר אלע וועלכע זענען שוין געהאט געוועזן אינעווייניג אינעם "עזרת חולים". בלויז אין דעם איינעם זונטאג האבן קרוב צו טויזנט! קרית יואל'ער איינוואוינער באקומען דעם איינשפריץ.

גייענדיג צום דרוק איז געקומען די נייעס אז צוליב דעם אומערווארטעטן אויסטערליש שטארקן פארלאנג, וואס שטעלט זיך ארויס אז עס איז נאך אלס פארהאן א גרויסער ציבור וואס איז נישט אנגעקומען צו קריגן דעם איינשפריץ און בעט אז מ'זאל זיי אויך געבן די געלעגנהייט, איז באשלאסן געווארן דורך די געטרייע הנהלה פון עזרת חולים אז מ'וועט צושטעלן דעם וויכטיגן סערוויס אויף נאך איין טאג, זונטאג בשלח, וואס וועט זיין די לעצטע געלעגנהייט פאר די מאחרים לבא צו באקומען דעם וויכטיגן איינשפריץ אין א "פלו קליניק", וואס וועט בע"ה פארמיידן אסאך עגמת נפש, און חלילה ערגערס, פון תושבי קרית יואל.

מצד דעם "עזרת חולים" ווערט איבערגעגעבן אז אפילו ווער עס איז נאכנישט אנגעקומען צו נעמען דעם איינשפריץ האט נאך אלץ נישט פארשפעטיגט, און ווער עס וויל קען נאך אלץ באזוכן דעם דאקטאר אין "עזרת חולים" און פארלאנגען א פלו איינשפריץ.

עס איז אבער וויכטיג אויפמערקזאם צו מאכן, סיי פאר דעם וואס האט נאכנישט גענומען דעם איינשפריץ און סיי פאר דעם וואס האט שוין יא גענומען היי יאר, אז וויבאלד דער איינשפריץ ארבעט נאר צו פארמיידן די פלו "פאר" מען ווערט אנגעשטעקט דערמיט, איז גאר וויכטיג עס צו נעמען יעדן יאר בעפאר דער ווינטער סעזאן גייט אריין אין קראפט. און באמת מוז מען ארויסברענגען אז מ'דארף זיין מער געווארנט עס צו באקומען וואס פריער אינעם סעזאן, און עס נעמען פר' וירא איז אסאך בעסער ווי פר' וארא... אבער אויך פר' וארא/בא, און אפילו פר' בשלח..., איז די לעצטע געלעגנהייט בעפאר מ'קריכט אריין טיף אינעם הארץ פונעם יאנואר/פעברואר ווינטער סעזאן, צו נעמען דעם וויכטיגן איינשפריץ וואס האט שוין אסאך מענטשן געראטעוועט.

ויה"ר שלא ישמע שוד ושבר בגבולינו.





די צוגעגרייטע טיקעטס ביים אריינגאנג פון די עזרת חולים געביידע צו אנהאלטן דעם סדר ביי די פילצאליגע איינוואוינער וועלכע זענען געקומען נעמען דעם וויכטיגן פלו-שאט

# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • ***Tel.*** 845.782.3242 • ***Fax:*** 845.783.7133

***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman




DESIGN & PRINT / 845.782.3382

# "קינדער פארק" אפטיילונג פון "רוח החיים - קור ארט" וועט בעז"ה געעפנט ווערן באלד נאך ווינטער

## פיר באזונדערע פארקס: 1) יונגלעך, 2) מיידלעך, 3) קליינע-קינדער מיט טאטעס, 4) קליינע-קינדער מיט מאמעס, זענען פולקאם גרייט אויפצונעמען די טויזנטער קרית יואל'ער קינדערלעך בליעה"ר

(פארזעצונג פון זייט 1)

גענצליך אפגעזונדערט פון די ארומיגע גוי'אישע שכנים. די ווילידזש האט געלאזט ספעציעל אויספלאסטערן דעם פריוואטע רוח החיים ראוד אריין פון לארקין דרייוו, וועלכע שלענגלט זיך דורך דעם וועלדל ביז צום פארק, די פארק ציט נישט קיין דרויסנדיגער אויג פון אומגעוואונטשענע באזוכער.

איינוויייניג אויפ'ן שטח ווען מען קומט אריין, באגעגנט מען זיך מיט א ריזיגע נעץ פון פארקס, אנגעהויבן פונעם גיגאנטישן "יונגל-פארק" וועלכע איז אויסשטאפירט מיט בלוי-געפארבטע שפילצייג-צוגעהערן, ספעציעל געאייגנט פאר אקטיוויטעטן וועלכע זענען צוגעפאסט פאר יונגלעך, א שטייגער ווי; "מאנקי-בארס"; סווינגס; גליטשערס; פארשידענע הענגערס און סי-סאוס; אד"ג.

די איינריכטונגען זענען שטארק סאפיסטיקירט און דירעקט אויסגעשטעלט בייצושטייערן צו די קינדער'ס אנטוויקלונגען, סיי אויף געזונטע און פיזישע איבונגען צו אנטוויקלען די מוסקלען און ביינער, ווי אויך צו באלאנסירן דעם מח און אנדערע גייסטישע בענעפיטן. איבריג צו זאגן אז אלעס איז אהערגעשטעלט מיט די העכסטע מאס זיכערהייט מאסנאמען, צו פארמיידן ח"ו סכנות און אומאנגענעמליכקייטן.

הארט נעבן דעם יונגל-פארק געפינט זיך דער פארק וואו טאטעס וועלן קענען ברענגען קלענערע קינדער צו שפילן אין א באזונדערע "קליינע-קינדער (toddlers) פארק", פאר קינדער ביז די יארגענג פון בערך 3-4 יאר אלט. דאס פלאץ איז ספעציעל צוגעשטעלט געווארן נאכדעם וואס עס איז אנערקענט געווארן דער געברויך צוצושטעלן א באזונדערן שפיל-פלאץ פאר קלענערע קינדער, וואס זאל זיין ארומגעצוימט און אויסגעשטאט מיט קלענערע שפילצייגן און פארוויילונגס מיטלען, ווי זאמד-באקסעס, קארעלעך, קלענערע סווינגס און גליטשערס אד"ג. אבער כדי נאכצוקומען די שטרענגע צניעות פאדערונגען און געברויכן פון תושבי קרית יואל ווערט באזונדער צוגעשטעלט א "קליינע-קינדער פארק" פאר קינדער וועלכע קומען מיט די טאטעס זיך שפילן, און א "קליינע-קינדער פארק" פאר מאמעס וועלכע האלטן אויפזיכט אויף זייערע קלענערע קינדער ביים שפילן זיך.

ארום די פארקס, סיי די "קליינע-קינדער פארק" און סיי די "יונגלעך פארק", זענען פארהאן פילע בענק פאר די טאטעס, באקוועם אויסגעשטעלט און איינגעריכטעט אויף צו קענען מיטהאלטן די קינדער'ס אקטיוויטעטן דורכאויס די צייט וואס מען פארברענגט אינעם פארק.

אפגעטיילט, געפינט זיך דער "מיידל פארק". מיט די פינק-קאלירטע איינריכטונגען, וואס זענען ספעציעל אויסגעשטעלט פאר זייערע אייגנארטיגע אקטיוויטעטן, אינזינען האבנדיג די יסודות'דיגע צניעות גרונד-פרינציפן אויף וואס די מיידלעך אין קרית יואל ווערן ערצויגן, און גלייכצייטיג אויך אהערגעשטעלט גאר רייך אין א געשמאקע אטמאספערע, וואו די מיידלעך וועלן זיך קענען אויסלופטערן און פארוויילן אויף זייער שטייגער.

הארט נעבן דעם "מיידל פארק" געפינט זיך דאס צווייטע "קליינע-קינדער פארק", וואו די מאמעס וועלן ברענגען די קלענערע קינדער ביז'ן עלטער פון בערך 3-4 יאר. אויך די פארקס זענען אויסגעשטאט מיט ספעציעל באַ'טעמ'טע בענק, וואו די מאמעס וועלן קענען אנגענעם פארברענגען אויף א באשיידענעם פארנעם אין א רואיגע אטמאספערע, צו קענען שעפן כוחות אויף אנצוגיין מיט'ן סדר היום אלס א אידישע מאמע, בשעת די קינדערלעך שפילן זיך און לויפן ארום אין א זיכערע הויף.

באזונדער ווערט אויפגענומען מיט געוואלדיגער צופרידנהייט דער פאקט אז דער גאנצער פארק איז אויסשטאפירט געווארן מיט העכסט סאפיסטיקירטע 'סורוועיליענס' אפאראטן און אנדערע זיכערהייטס איינריכטונגען, אויף צו פארזיכערן די מאקסימום השתדלות צו פארמיידן אומגעוואונטשענע עלעמענטן פון זיך דרייען אויף די פארק שטחים, און ספעציעל אין די שעות וואס דער פארק ברויך נישט זיין אין באנוץ, וועט אלעס זיין אפיציעל אפגעשפארט און באוואכט.

די "ווילידזש פובליק סעיפטי" וועט האבן א 'סעיפטי בודקע' ביים אריינגאנג פונעם פארק, צו האלטן אן אויג אויף פארדעכטיגטע באזוכער אין די צייטן וואס דער פארק איז אפן פאר קרית יואל'ער איינוואוינער, ווי אויך וועלן "פובליק סעיפטי" איינגעשטעלטע זיין אנוועזנד אינעם פארק, צו שטיין אויף דער וואך און באגלייטן די אקטיוויטעטן.

עס איז צום האפן אז דער פארק וועט דינען דעם ציל, צו ערפילן דעם חלל וואס האט זיך לאנג געשפירט, צו האבן א פארק בשכינות קרית יואל על טהרת הקודש, אויסשליסליך נאר פאר די איינוואוינער פון ק"י, און צו דער זעלבער צייט איז יעדנ'ס תפלה, אז השי"ת זאל שטענדיג האלטן די רעכטע האנט, שלא יצא מכשול ונזק פאר קיין שום אידיש קינד, בגשמיות וברוחניות.



די הערליכע פארק פאר די גרעסערע יונגלעך



די פארק פאר קליינע קינדער מיט טאטעס - די צוים וואס נעמט ארום אלע פארקס



די גרויסע גליטשערס ביי די פארקס פון די יונגלעך



די ספעציעלע בענק פאר די עלטערן
צו זיצן בשעת די קינדער שפילן זיך

# א בליק אין דעם נייעם קינדער פארק אויף לארקין דר.





די אויפגעשטעלטע שפילצייגן ביים מיידל פארק - די בענק פאר די פרויען ארינגס און ארום



די פארק פאר די קליינע קינדער מיט די מאמעס



א בליק פון דער הייעך אויף די מיידלעך פארקס



א גרויסער סענד באקס אין דעם "קליינע קינדער מיט טאטעס" פארק



ווערט געזען דער ספעציעלער וועג פאר
קערידזשעס ביים אריינגאנג פונעם פארק

***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman




# נחמו נחמו!

מיט צער און ווייטאג טוען מיר אויסדרוקן אונזערע טיפסטע טרייסט וואונטשן פאר אונזער חשוב'ן און בארימטן דאקטאר, וואס טוט זיין ארבעט מיט א זעלטענע הארץ און אידישע געפיל, צו העלפן אידן איז זיין שטרעבונג און ציל, צו ברענגען פאר יעדן פאציענט די ריכטיגע באהאנדלונג אויפ'ן בעסטן אופן און זיי שטעלן אויף די פי"ס, ה"ה האומן במלאכתו

## דר. ר' ראובן דניאל שענין הי"ו
## Dr. Richard Shanin, Podiatrist

### המתאבל מרה על פטירת אמו החשובה ע"ה

דער באשעפער זאל אייך טרייסטן, איר זאלט קיינמאל נישט וויסן פון קיין צער און עגמת נפש, און אזוי ווי איר האט א חלק אין העלפן אידישע קינדער, זאל אייך השי"ת באצאלן מדה כנגד מדה צו דערלעבן שטענדיג נאר שמחה מיט נחת געזונטערהייט, און אלע אייערע מעשים זאלט איר זען א סימן ברכה, מיט פיל שפע און הצלחה, ביז מיר וועלן אלע זוכה זיין צו די ריכטיגע נחמה פון כלל ישראל בביאת משיח צדקינו במהרה אמן.

ווי עס טרייסטן פון הארצן טיפן

## הנהלת עזרת חולים

DESIGN & PRINT / 845.782.3382

# הנהלת הקריה נעמט אונטער מאסיווע הרחבת גבולי הקדושה אנהייבנדיג דעם 'אנעקסעישאן פראצעדור'

(פארזעצונג פון זייט 3)

קינדער און אויפשטעלן בתים נאמנים לה' ולתורתו, אן קיין השפעות און מניעות פון די דרויסנדיגע גאס מיט אירע איבלן.

עס איז אומבאשרייבליך די שמחה וואס האט געהערשט ביי רבינו הקדוש זי"ע, ווען זיין לעבנס-וואונטש איז ענדליך מקוים געווארן בסוף ימיו, ווי עס איז באקאנט וואס ער האט זיך אויסגעדרוקט 'אויב האב איך נישט קיין שטעטל, ווייס איך נישט וואס איך האב אויפגעטאן אויף דעם עולם', דאס האט ביי אים פארנומען דעם חשוב'סטן ארט אויפ'ן סדר היום. דערפאר איז טאקע צו זיין פרייד נישט געווען קיין גבול, ווען ער האט דאס בס"ד דערלעבט, און זיך אליינס ארויסגעצויגן, צו זיין הייליג שטעטל גערופן על שמו 'קרית יואל', שם אוה למושב לו.

ווי דערמאנט איז דער שטעטל אריגינעל געגרינדעט געווארן אויף שטחים וואס איז געווען אונטער דעם 'טאון אוו מאנרא', די ראשי הקהלה והקרי' האבן אפגעקויפט פריוואטע שטחים, אונטער א קארפאראציע נאמען 'מאונפילד האומס', און פארוואנדלט די אפגעקויפטע באדנס אלס די ערשטע דעוועלאפמענט פון קרית יואל, מיט צענדליגע דירות פאר אנשי שלומינו, דאס איז די געגנט וואס איז שפעטער געווארן באקאנט אלס 'סעקשאן וואן' אויף די היינטיגע גאסן פון; קוויקקועי, אפטא, לובלין, און א חלק פון וועג-ביורען.

## גרינדונג פונעם ווילידזש בשנת תשל"ז בעידודו ובברכת קדשו פון רביה"ק זי"ע

אונטערן באקאנטן כלל פון כל התחלות קשות, ובפרט ביי אזא דבר שבקדושה ווי א נייער שטעטל צווישן גוים, איז די חבלי לידה געווען גאר שווער ביים גרינדן דעם שטעטל. די ארומיגע שכנים האבן דאס ממש נישט אויסגעהאלטן, און האבן געשטעלט שטרויכלונגען אויף שריט און טריט, אפצוהאלטן פון צו קענען אנטוויקלען דעם שטעטל און די ווייטערדיגע פלענער.

נאך א יאר צוויי האט די הנהלת הקהלה איינגעזעהן, אז די איינציגע וועג צו קענען גיין ווייטער מיט'ן אויפבויה פונעם שטעטל, איז נאר דורכ'ן שאפן אן אייגענעם 'ווילידזש' ד.ה. זיך אפטיילן פונעם 'טאון אוו מאנרא' און גרינדן אן אייגענעם מוניציפאליטעט, און דורכדעם קענען אי"ה אליינס קאנטראלירן די זאונינג געזעצן, און אינסטאלירן די נויטיגע אינפראסטראקטשור, או"וו דער גאנצער געבוי פונעם שטעטל, אן דארפן צוקומען צו דרויסנדיגע הילף און טובות.

כדי צו קענען גרינדן דעם ווילידזש האט אויסגעפעלט אסאך ארבייט, הן מצד די שתדלנות ביי די אינסטאנצן און פארשידענע לעגאלע ארבעט, ווי אויך צו ארבייטן מיט די שכנים ביי די געפלאנטע ווילידזש גרעניצן, וועמענ'ס קאאפעראציע איז געווען גאר נויטיג אויף צו קענען ערהאלטן דעם 'ווילידזש טשארטער'.

די שכנים וועלכע זענען מתחלה בכלל נישט געווען גרייט מיטצוארבייטן, האבן זיך פון אנהייב נישט געהאלטן ביים אראפזעצן פארהאנדלן מיט די הנהלת הקהלה. דאס האט באצווינגען די חברי הנהלה בראש פון הרה"ח ר' לייביש ע"ה ארייצוגיין אין פעדעראלן געריכט, קלאגנדיג די שכנים און די באהערדע פון טאון אוו מאנרא, מיט א טענה פון 'דיסקרימינאציע', הלמאי זיי טוען דיסקרימינירן קעגן די תושבי קרית יואל. וואכן איז מען געזיצן אין געריכט פרעזענטירט דורך געניטע אדוואקאטן. עס האט עטליכע מאל אויסגעזעהן ווי א דורכפאל ווען די הנהלה האט ממש נישט געזעהן קיין אויסוועג.

אבער בכחו ובזכותו של אותו זקן, רבינו הקוה"ט זי"ע, וועלכער האט מיטגעהאלטן אלע אנטוויקלונגען, האט זיך דאס אייז צוביסליך אנגעהויבן ברעכן, און פון הימל האט מען געהאלפן צו באווייזן דאס אומגלויבליכע, ווען די שכנים האבן מיטאמאל איינגעזעהן אז זיי גייען דאס נישט קענען באקעמפן, און זיי האבן אלזא מסכים געווען זיך צו זעצן צום פארהאנדלונגס טיש מיט ר' לייביש לעפקאוויטש ע"ה.

די פארהאנדלונגען האט אריינגענומען פשרות מיט פארשידענע שכנים און אסאך קאמפראמיסן, ווי מען איז איבערגעגאנגען די אלע שטחים און מאפעס אהין און צוריק, און מען האט געברויכט פארקוקן אפילו אויף שטחים וועלכע זענען געווען אונטער אידישע בעלות, און האבן לויט די דעמאלטסדיגע אומשטענדן געמוזט ארויסגענומען ווערן פונעם אריגינעלן אפליקאציע פונעם ווילידזש גרינדונג.

די גאנצע השתלשלות פונעם גרינדונג פונעם 'ווילידזש' איז צוגעגאנגען מיט'ן פולקאמע המלצה און חיזוק פון רביה"ק זי"ע. דעם רבי'נס נאמען—אלס איינער פון די איינוואוינער צו פארלאנגען דעם ווילידזש - איז זעלבסט ערשינען אויף די אריגינעלע ווילידזש אפליקאציע, ובברכת קדשו איז בס"ד געלונגען בשנת תשל"ז מייסד צו זיין דעם אייגענעם 'ווילידזש אוו קרית יואל' (זעה בייגעלייגט אריגינעלע ווילידזש מאפע פון שנת תשל"ז)

דאס גרינדונג פונעם ווילידזש האט געגעבן א שטארקן שטופ פאראויס צו די אנטוויקלונגען פונעם שטעטל. אין די פאלגענדע זעקס יאר שוין אונטער'ן "קרית יואל ווילידזש" עקזיסטענץ, האט די הנהלת הקריה אויפגעשטעלט פילע צענדליגע הייזער אויף די גאסן פון; קארטער, פארעסט, גארפילד, איהעל (קענעדי), ביוקענען, העיס, פילמאר, טעילאר און נאך, וועלכע זענען גערופן געווארן אלס 'סעקשאן 2' און דערנאך די גאסן פון; סאטמאר, ארשיווא, קראלי, סיגוט און ארום, באקאנט אלס 'סעקשאן 3', אויך האט מען דעמאלס שוין געארבעט אויף צו אנטוויקלען די ארומיגע באדנס, וואס איז שפעטער פארוואנדלט געווארן אלס 'סעקשאן 4'. דאס נעמט אריין די גאסן פון; ישראל זופניק, געציל בערגער, קאהאן דרייוו און ויואל משה קט.

וואו א דינער אינמיטן העלן טאג, האט אין סוף יאר תשל"ט ליידער פאסירט דאס אומגלויבליכע אין די היסטאריע פון קרית יואל, ווען אבינו רועינו מרן רבינו הקדוש זי"ע, אשר אמרנו בצלו נחיה בגוים, האט בעוה"ר צוריקגעגעבן זיין הייליגע נשמה און זיך געזעגנט מעדת צאן מרעיתו.

כאטש ס'פארשטייט יעדער אז דאס איז נישט געווען בלויז א פארלוסט פאר די געציילטע משפחות אין נייעם סאטמארען שטעטל קרית יואל, ס'איז געווען אן אבידה שאין לו תמורה פאר גאנץ סאטמאר און כלל ישראל איבער די וועלט, אבער זייענדיג אין די סאמע ערשטע יארן פונעם התייסדות קרית יואל , ווען דאס גאנצער עתיד פונעם שטעטל איז באשטאנען בלויז פון דעם, וואס נאך משפחות דארפן זיך ארויסציען פון די שטאט, האט די פטירה פונעם רבי'ן ז"ל ממש באדראעט דעם צוקונפט פונעם שטעטל, ווען דאס גרעסטע טייל תלמידי וחסידי סאטמאר האבן אפילו אנגעהויבן אויסצודרוקן געפילן פון יאוש און פעסעמיזם כלפי איר עתיד.

## רבינו הקדוש בעל ברך משה זי"ע אלס ממלא מקום און מרא דאתרא פון קרית יואל

וזרח השמש ובא השמש! די פעולות וואס א צדיק לייגט אריין אויף דער וועלט גייט אבער נישט לאיבוד. זכותו הגדול פון רבינו הקדוש שוין זייענדיג בגבהי מרומים איז בייגעשטאנען, ווען ער האט זיך פון הימל געמיהט אז 'סאטמאר' זאל האבן אן המשכה, מיט דעם וואס בן אחיו מרן רבינו הק' בעל ברך משה זי"ע האט איבערגענומען דעם כס ההנהגה, וואו ער האט זוכה געווען ממשיך צו זיין און שטיין בראש פון אלע פעולות פון סאטמאר איבער די גאנצע וועלט, האט אבער דעם רבינ'ס התמנות אויך געהאט א דירעקטע השפעה, אויפן עקזיסטענץ און אויסקוק פון 'קרית יואל'ס עתיד.

ווי נאר דער רבי דער ברך משה זי"ע האט איבערגענומען די הנהגה, האט ער זיך באלד אריינגעווארפן צו טון פארשידענע פעולות פאר די פארברייטערונגען און אנטוויקלונגען פונעם פעטער'ס שטעטל, וואוסענדיג וואספארא חשוב ארט דאס האט פארנומען ביים פעטער דער רבי ז"ל. ער איז געזיצן אויף אסיפות מיט די הנהלה און אריינגעבלאזן א רוח החיים אין די עצמות היבשות, געהויבן דעם מוט און געגעבן חיזוק צו שטופן ווייטער דאס אויפבויה פונעם שטעטל.

אינעם ערשטן יאר פונעם נשיאות האט דער רבי ארויסגעברענגט אהער די ישיבה ומתיבתא הקדושה, ווי ער האט געשטעלט די ישיבה על קברו עד היום הזה. דאס ארויסברענגען די ישיבה אהער האט געווירקט שטארק אויף די ווייטערדיגע וואוקס פונעם שטעטל, ווען אסאך מרביצי תורה און איינגעשטעלטע האבן זיך אהער ארויסגעצויגן, ובתוכם כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, וועמען דער רבי דער בר"מ זי"ע האט א צייט בעפאר ממנה געווען אלס 'ראש ישיבה', וועלכער האט זיך אויך עווענטועל דא ארויסגעצויגן צוגעבנדיג א שטארקע חיזוק פאר'ן עתיד פון קרית יואל.

## מאסיווע פארברייטערונג מיט ערשטע אנעקסעישן צום ווילידזש בשנת תשמ"ג בעידודו וחתימת יד קדשו פון רביה"ק בעל ברך משה זי"ע

בשנת תשמ"ג האט זיך דער שטעטל געציילט ביי ארום 500 משפחות בליעה"ר, דאס האט באדייט אז א גרויסע טייל פון די אריגינעלע שטחים פונעם 'ווילידזש' זענען שוין געווען באזעצט, אדער אין די פאזעס פון אנטוויקלונג, דאס האט באדייט אז אויף צו קענען גיין פאראויס מיט'ן פארברייטערן קרית יואל, האט מען געדארפט אריינעמען פרישע שטחים, און זיי אנעקסירן צום ווילידזש.

די דעמאלטסדיגע ווילידזש פירער האבן שטארק געקווענקלט, צי מ'זאל זיך דערין אריינלאזן, דא האט זיך דער רבי ז"ל דער ברך משה, ווידער ארויסגעשטעלט ווי א שר צבא ההולך בראש המחנה, ווען ער האט זיך אריינגעווארפן מיט'ן לייב און לעבן צו זעהן אז די אנעקסעישאן פלענער זאלן גיין פאראויס.

דער רבי זצ"ל וועלכער האט שוין יענע יארן געהאט דא ביתו נאוה קודש אויף איהעל קט. (דעמאלס נאך 'קענעדי') וואס די הויז איז נאך דאן געווען אינדרויסן פון די אריגינעלע ווילידזש גרעניצן, האט פאראדנט און געשטופט די הנהלת הקרי' אריינצוגעבן די נויטיגע פאפירן אויף צו קענען אנעקסירן נאך לאנד אריין אינעם ווילידזש. דער רבי האט דעמאלטס נאכגעזאגט וואס ער האט געהערט מפ"ק פונעם פעטער ז"ל זאגנדיג "אז אויב משיח וועט חלילה נישט קומען בקרוב, וועלן דא נאך וואוינען 'טויזנטער' משפחות", ווי אויך איז באקאנט וואס רביה"ק זי"ע האט מייעץ געווען ביים בויען דעם ביהמ"ד

(פארזעצונג אויף זייט 22)


STATE OF NEW YORK
DEPARTMENT OF STATE

It is Hereby Certified, That on March 2, 1977, Ford S. Relyea, III, Town Clerk of the Town of Monroe, Orange County, New York, filed with this office, pursuant to Section 2-232 of the Village Law, a report of incorporation of the Village of Kiryas Joel, Orange County, New York, which report included the following:

1. A copy of the Certificate of Election certified by the Inspectors of Election;

2. A statement that the time within which to institute a proceeding to review the election has expired and no such proceeding has commenced;

3. An outline map and a metes and bounds description of the territory within such Village;

4. The population (709) as it appears by the petition for incorporation.

WITNESS my hand and the official seal of the Department of State at the City of Albany, this 2nd day of March one thousand nine hundred and seventy-seven.

Secretary of State

Rec'd by Town Clerk 3/2/77

LG 110-247

דער היסטארישער דאקומענט ווי ניו יארק סטעיט באשטעטיגט דעם "קרית יואל ווילדזש" בשנת תשל"ז

# הקדושה אנהייבנדיג דעם 'אנעקסעישאן פראצעדור'

**(פארזעצונג פון זייט 22)**

באדנס וועלכע זענען אריינגענומען געווארן אין ווילידזש ביים ערשטן 'אנעקסעישאן' מיט דרייסיג יאר צוריק, און געבויט געווארן אין די לעצטע פערצן יאר.

פאלגענד איז א ליסטע פון די פארברייטערונגען דורכאויס די לעצטע 14 יאר, זינט די לעזונג פונעם סוער-מאראטאריום, געבויט אויף ווילידזש שטחים אנעקסירט בשנת תשמ"ג

אויפן דרום-מזרח ווינקל פון קרית יואל:

די געגנט פון מירון, פראג, יואל קליין, לייפניק און טברי'

די פארלענגערטע גאסן פון ווען-ביורען און פילמאר, און די צוגעלייגטע גאסן קאלוב און שיניאוו.

די גראנדיעזע 'שכונת ברך משה' וואס ציעט זיך אויף די גאסן פון; דינוב, פראנקפורט, טאלטשאווא און האמבורג.

די אינדאסטריאלע שטחים ארום בעיקערטאון רד., וואס נעמט אריין דעם 'ביזנעס סענטער' דער בית השחיטה, די מצה בעקעריי, דער מוסד הק' שערי חמלה און דער המספיק הויפטקווארטיר.

אויף צפון זייט פון קרית יואל:

די גאסן פון: סאסוב, וואלאווא און טעטש

דאס גאנצע צפון-מזרח וויקל פונעם שטעטל:

די גאנצע שכונת 'עצי תמרים' מיט אירע גאסן; ניקלשבורג, צפת, קראקא, טשערנאביל, אניפאלי און פרימישלאן

די גאסן פון ראדאמסק, חברון און ראוונע און די שטחים ווי עס שטייען היינט די פראכטפולע בנינים פון אשת חיל און מצילי אש.

און ביים ווינקל פון דרום-מערב:

א גרויס חלק פון די גאסן פון ד.א. ווידער קט. און קאזניץ רד.

(דער שטח אויף וועלכע עס איז געבויט געווארן די גאסן פון זלאטשוב, פרעשבורג, סטרעליסק און חלקים פון ד.א. ווידער קט. אזוי אויך די שטחים פון די גאסן לעמבערג, קארלין און קאריץ, זענען שוין געוועזן אינעם ווילידזש ביים גרינדונג בשנת תשל"ז, באלאנגנדיג פאר פריוואטע אייגנטומער, ווארטנדיג אויף די סוער לעזונג צו קענען ווערן דעוועלאפט)

און משפחות בליעה"ר, וועלכע קומען צו יערליך, עס איז כדאי צו דערמאנען די צענזוס ציפערן פון מיידלעך אין קרית יואל ביז די 18 יאר איז היינט צווישן 7 און 8,000 קע"ה, דאס מיינט אז עס דארף ווערן אהערגעשטעלט פלענער פאר גרעסערע דירות פראיעקטן פארן נאנטן צוקונפט.

דער פאקט איז, אז רוב פון די שטחים וועלכע געפונען זיך היינט צוטאגס אינערהאלב די ווילידזש גרעניצן (מיטן אויסנאם פון איין ריזיגע פריוואטער שטח פון 70 אקער לאנד ביים אריינגאנג פון שטעטל אויף דרום-מזרח זייט קעגן איבער פון די סטעיט פאליס סטאנציע, וואס ר' גבריאל בויער הי"ו פארפיגט דערויף), זענען שוין; אדער באוואוינט, אדער אינמיטן די פאזעס פון ווערן אנטוויקלט. און די איבריגע זענען ביי די פלאנירונג פאזעס, ווי די פלענער ליגן אויפ'ן טיש פון די 'ווילידזש פלענינג באורד' צו ווערן באשטעטיגט.

למען האמת, דער וועד הקריה וועלכע האט פארפיגט אויף די ציבור'ישע שטחים, האט היינט צוטאגס מער נישט קיין לאנד אינערהאלב די ווילידזש גרעניצן אויף צו אנטוויקלן פאר'ן דירות געברויך. דאס לעצטע שטיק לאנד וואס 'וועד הקריה' האט געהאט און ארויסגעגעבן אויף צו בויען דירות, איז געווען מיט קנאפע ניין יאר צוריק בשנת תשס"ד! דאס זענען די שטחים אויף וועלכע עס זענען עווענטועל געבויעט געווארן 'שכונת ברך משה', און די צוקונפטיגע צווייטע פאזע פון 'שכונת עצי תמרים'.

דאס לאזט איבער דעם עתיד פון קרית יואל אין די הענט פון א פריוואטע גרעסערע לאנד אייגענטומער, וואס דאס קען מיינען א מעגליכקייט פאר א פארלאגזאמטע וואוקס אין פולן זין פון ווארט אויף עטליכע יאר ארום. טראץ וואס מאמענטאל זענען פארהאן אריבער 500 דירות אין די קאנסטראקשאן פאזעס אין אלע זייטן פון די שטאט דערצו קען מען נאך צורעכענען עווענטועלע קלענערע פריוואטע דעוועלאפמענטס, פון יחידים וואס ווארפן איין איינצעלנע דירות אויף צו קענען אויפבויען אנשטאט דעם מערערע דירות.

## דער דירות מצב היינט צוטאגס - פארוואס עס פעלט אויס אנעקסעישאן

קרית יואל שטייט היינט צוטאגס אין יאר תשע"ג, קנאפע פערציג יאר נאכדעם וואס די ערשטע תושבים האבן זיך ארויסגעצויגן, און דרייסיג יאר פון די איינציגסטע אנעקסעישאן, מיט אזאנע ציפערן בליעה"ר וואס קיינער וואלט זיך נישט פארגעשטעלט ביי די התיסדות.

דער נחת רוח וואס רבותינו הקדושים זי"ע בגנזי מרומים האבן פונעם אויסטערלישען וואוקס פונעם שטעטל, איז געוויס אין לשער, ס'איז זיכער אז נאר אין זייער זכות שטייט קרית יואל אלס אן 'עיר ואם בישראל', א שטאט מיט אריבער פיר טויזנט משפחות כ"י, יראים ושלמים, ערליכע אידן וועלכע ווילן און שטרעבן מגדל צו זיין דורות נאמנים לה' ולתורתו, אויפ'ן אויסגעטרעטענעם וועג וואס זיי האבן מיט אונז געלערנט.

דאס איז אבער נאר דער חלק פון הודאה על לשעבר. די געטרייע חברי הנהלת הקריה ווייסן אבער און פארשטייען זייער תפקיד, אז צו דעם אלעם ברויך מען אויך ארויסצוקוקן אויף לעתיד, און טראכטן פאראויס, אז די שטאט זאל ווייטער קענען פארנעמען די נאטורליכע וואוקס פון די צענדליגע און זאגאר הונדערטער פרישע פארפעלקער


INSTRUCTIONS

1. Mark only with a pen having blue or black ink or with a pencil having black lead.
2. To vote yes or no on the question, make a single X or V mark in the square opposite your vote.
3. Any other mark or any erasure made on this ballot or any mark made outside the space provided will void this ballot.
4. If you tear, or deface, or wrongly mark this ballot, return it and obtain another.

SHALL THE TERRITORY GENERALLY DESCRIBED BELOW BE ANNEXED INTO THE VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Area I (8.1 acres) located on Mountain Road and County Road #44.

Area II (79.5 acres) located on either side of County Road #44 westerly of the lands now occupied by the Jehovah Witness Assembly Hall on Mountain Road.

Area III (19.1 acres) easterly on Schunnemunk Road formerly owned by Jordan.

Area IV (261.6 acres) lands on the westerly side of Baker Town Road and northerly of Dunderberg Road comprising the former Zuckerman tract.

YES ☑

NO ☐




די היינטיגע "קרית יואל ווילידזש" גרעניצן זייט תשמ"ג - דער ליכטיגער חלק אין צענטער פון בילד

# הנהלת הקריה נעמט אונטער מאסיווע הרחבת גבולי הקדושה אנהייבנדיג דעם 'אנעקסעישאן פראצעדור'

(פארזעצונג פון זייט 23)

מיט דעם אלעם איז דאס ווייט נישט גענוג אויף צו קענען זיצן מיט פארלייגטע הענט, אן טראכטן און פלאנירן אויף די קומענדיגע יארן, פארשטייענדיג אז אזא אנעקסירונג אונטערנעמונג קען זעלבסט געדויערן א שיינע מהלך ביז מען וועט קענען אהערשטעלן גרעסערע דירות פראיעקטן.

## דער 'אנעקסעישאן' לעזונג בעזהשי"ת

נעמענדיג אט די אלע פאקטן אין באטראכט, האט די הנהלת הקריה איינגעזען דעם געברויך פון אריינגעבן אפליקאציעס פאר 'אנעקסירונג', און אנהייבן דעם פארוויקלטן לענגערן פראצעדור. כדי אבער דאס צו ערמעגליכען האט דער ווילידזש קודם געברויכט פארזיכערן, אז די וואסער און סוער איינריכטונגען וועלן קענען פארנעמען א באדייטנדען וואוקס, וואוסענדיג אז דאס קען זיין פון די ערשטע שטרויכלונגען ביים אדורכגיין דעם פראצעדור מיט די ארומיגע מוניציפאליטעטן.

יעצט אז דער גיגאנטישער 'פייפליין פראיעקט' זעהט שוין אויס בעז"ה א נענטערע פאקט, נאך לאנג פארצויגענע יארן פון איר אריגינעלע געדאנק (זעה אן אפדעיט איבער די פייפליין אנטוויקלונגען אויף אן אנדערן ארט אינעם היינטיגען נומער), האבן די חברי הנהלת הקריה אנגעהויבן די שווערע ארבייט פון אראנזשירן און צוגרייטן די ערשטע פאזעס פון 'אנעקסעישאן'.

די ארבייט נעמט אריין אויסצוארבייטן די אפליקאציעס פון אלע אייגנטומער מיט שטחים בגלילות קרית יואל, וועלכע האבן אן אינטערעסע אז זייער לאנד זאל אריינגענומען ווערן אין די ווילידזש גרעניצן. די הנהלה זיצט מיט מומחים, אינזשענירן און אדוואקאטן, וועלכע באטראכטן די אפליקאציעס און גייען אדורך די דעטאלן, צו פארזיכערן אז אלעס זאל זיין אויסגעהאלטן לויט די 'ניו יארק סטעיט' געזעצן.

צו דעם קומט צו דאס צוזושטעלן די אלגעמיינע פלענער פון די אינפראסטראקטור, וואס נעמט אריין דאס צוגרייטן קאנקרעטע פלענער פאר וואסער און סוער, ווי אויך די מאפעס פאר די ראודס און טראפיק איינריכטונגען, און אלע נאפאלגנדע פאפירן אויף אונטערצושטיצן די אפליקאציעס, וואס דאס אלעס ווערט באדייטענד געטוישט ווען עס קומט אריין אין די גרעניצן פון קרית יואל ווילידזש, און עס מוז ווערן גוט אויספלאנירט פון פאראויס.

די שטחים איבער וועלכע עס ווערן באטראכט אנעקסירונג אפליקאציעס, זענען פון צוויי באזונדערע מוניציפאליטעטן וואס גרעניצן זיך מיט קרית יואל, דאס זענען די טאונס פון מאנראו און וואדבארי. ווי דערמאנט איז דאס כולל פריוואטע שטחים, און אויך שטחים וועלכע באלאנגט פאר'ן וועד הקריה, אלעס צוזאמען איז דאס א רעדע פון עטליכע הונדערט אקער-לאנד פון 'טאון אוו מאנרא' און נאך עטליכע הונדערט אקער-לאנד פון וואודבארי.

יעדע אנעקסירונג פראצעדור נעמט אריין אין אלגעמיין דריי הויפט שפילערס; די מונוציפאליטעט פון וואו דער שטח גייט ארויס (אין דעם פאל מאנרא אדער וואודבארי), דער שטח אייגנטומער (דער 'אפליקאנט'), און די מוניציפאליטעט צו וועלכע דאס לאנד ווערט אנעקסירט (און אונזער פאל, דער 'ווילידזש פון קרית יואל'). דער אפליקאנט גיט אריין זיין פארלאנג פאר די צוויי אנדערע צדדים, וועלכע ברויכן דאס באשטעטיגן.

ווי עס שיינט וועלן די אנעקסעישאן פלענער צעטיילט ווערן אין צוויי פאזעס, מיט'ן ערשטען חלק געצילט אויף צו אנעקסירן די שטחים וועלכע זענען היינט אין 'מאנרא', וואס אויף דעם רישט מען זיך נישט אויף קיין גרויסן ווידערשטאנד פון די טאון בעז"ה.

די אלע באטרעפענדע אייגנטומער מיט לאנד אין טאון פון מאנרא, האבן שוין באקומען א מעלדונג אז זייערע אפליקאציעס גייען בקרוב ווערן אריינגעגעבן אויף אנאליזירונג. ווי אויך ווערן די טעג גענומען אין באטראכט די ארבעט פון צושטעלן וואסער און סוער איינריכטונגען אויף א גרעסערן פארנעם, אויף זיך צו קענען באהעפטן צו די ווילידזש אינפראסטרוקטור, די קאסטן ווערן געשאצט לויט די צאל פון געפלאנטע דירות, און ברויך הויפטזעכליך צוקמען צו די געפלאנטע וואסער-פייפליין באהעפטונג, אויף צו קענען נאכקומען אזא פארלאנג, דאס זעלבע קען דאס עווענטועל פירן צו פארשידענע קאסטן אין סוער פארברייטערונגען.

צו דער זעלבער צייט ארבייט מען אויף די חלקים פון וואודבארי, וואו עס וועט גאנץ מעגליך זיין א פארלענגערטע פראצעדור, וואס קען זיך אויך אריינציען אין געריכטליכע אנקלאגעס מצד די ארומיגע שכנים, ביי וועלכע דער פסוק 'פן ירבה' שפילט א שטארקע ראלע, דערפאר איז וויכטיג אנצוהייבן ווי פריער מיט די ארבייט, מיט שאנסן אז דאס קען נעמען יארן צו דערגרייכן, משיח זאל אוודאי פריער קומען.

קרית יואל'ער איינוואוינער נעמען אויף די פלענער פון הרחבת גבולי הקדושה, מיט גרויס צופרידנהייט און פרייד, וואונטשענדיג פאר די געטרייע שליחי הציבור, די חשוב'ע חברי הנהלת הקריה "אסאך הצלחה און סייעתא דשמיא", אויף די קאמפליצירטע אונטערנעמונג. השי"ת זאל געבן די כוחות און חיזוק, צו קענען דורכפירן דעם גראנדיעזן פראעיקט, אויף צו פארזיכערן די המשכה פון די הייליגע שטאט, ביז משיח'ס טאג במהרה.

ימין ושמאל תפרוצו.

**שטייענדיג אין די ווינטער חדשים ווען די ערב שבת טעג זענען גאר קוריץ, טוען מיר נאכאמאל מפרסם זיין די תקנה וואס איז איינגעפירט געווארן מיט עטליכע יאר צוריק דא אין שטאט, דורך כ"ק מרן רבינו שליט"א, ווי פאלגענד:**

**ווען עס קומט אן דער זמן פון הדלקת נרות של שב"ק זאל זיך שוין נישט געפינען קיין איין ארבייטער אין די גרעניצן פון קרית יואל, און ס'ליגט א פליכט און אן אחריות אויף אלע קאנטראקטערס, זיי זאלן זען אז איין שעה פארן זמן, דארפן שוין אלע ארבייטער אויפהערן ארבעטן און זיך גרייטן צו פארלאזן די שטאט.**

RABBI ARON TEITELBAUM
5 Sanz Ct. Kiryas Yoel
Monroe, N.Y. 10950
Tel. (914) 783-0994-5

אהרן טייטלבוים
רב ור"מ דק"ק
קרית יואל והגלילות
יצ"ו

ב"ה

על דבר המכשילה שפועלי עכו"ם עושים את מלאכתם - בבנין ותיקון בתים וכדוי - לקבלנים מבני ישראל בערבי שבתות, ומלאכתם יכולה להמשך גם אחר כניסת השבת, - ובפרט בימי החורף שהיום קצר והמלאכה מרובה.

ואחרי משא ומתן עם ידידי הגאון הדומ"ץ דפה שליט"א באנו לידי החלטה שלמיגדר מילתא נצרכה לתקן תקנה לעיר הזאת, שבהגיע זמן הדלהי"נ בל יראו ובל ימצאו הפועלים בתחומי עיר קרית יואל יע"א, ושעה אחת קודם זמן הדלהי"נ של שבת, צריכין הפועלים להפסיק את עבודתם ולהתכונן לנסוע מהעיר, ודבר פשוט וברור שעל הקבלנים מוטל האחריות שיתקיים התקנה במילואו, ולמזהיר ולנזהר, שלומים תן כמי נהר.

הכותב וחותם למען שמירת שבת קדשינו

[illegible]

הק' אהרן טייטלבוים

אהרן טייטלבוים
רב ור"מ
דק"ק קרית יואל יע"א

# אינטענסיווע צוגרייטונגען צו אינסטאלירן א מאכטפולן גריינדער סיסטעם ביים סוער פאמפ סטאנציע

(פארזעצונג פון זייט 2)

הקדושה, און טראצדעם א סוער איז פון די לעצטע זאכן מיט וואס עמיצער זוכט זיך צו אידענטיפיצירן, איז די געטרייע הנהלה פון קרית יואל שטאלץ אז זי קען אנווייזן אויף איר לאנגיאריגע אומגעהויערע אנשטרענגונג אהערצושטעלן דעם היינט-שוין-בארימטן ״סוער פלענט״, וואס די פראכטפולע קאלירן פון טויזנטער הייזער וועלכע באצירן די שטאט ימה וקדמה צפונה ונגבה, און די קלינגעדיגע שטימעלעך פון תינוקות של בית רבן וועלכע לעבן אויף די אמאל-פארכמורעטע און טונקעלע וועלדער, זענען דער שענסטער עדות איבער דער עבודת הקודש וואס ווערט אריינגעלייגט דורך די איבערגעגעבענע ווילידזש באאמטע וועלכע קוקן אין יעדן הינזיכט אויף צענדליגער יארן פאראויס.

על כל פנים, ווי לאנג די טויזנטער פארנומענע תושבי קרית יואל זענען אנגעגאנגען מיט'ן טאג טעגליכן לעבן, האט זיך אנטוויקלט א מיני-קריזיס עטליכע יאר צוריק ארום דעם ״סוער פלענט״.

ווי באקאנט האט קרית יואל געבויעט א גיגאנטישן ״סוער פלענט״ וואס איז דירעקט גענומען געווארן אין חשבון אז עס זאל קענען קלעקן צוצושטעלן די סוער געברויכן פאר פילע טויזנטער הייזער, און קענען דינען אויף לאנגע יארן פאר תושבי קרית יואל.

אבער אינצווישן האט מען דאך אויך געדארפט אנגיין מיט דער ארבעט פון אויפהאלטן אזא גיגאנטישן פלענט, און דער ווילידזש אליין איז נישט ביכולת דערווייל אליין אויסצוהאלטן אזא מעגא-פלענט, דערפאר האט מען געמאכט אן אפמאך מיט די קאונטי, - וועלכע האט במילא קריטיש וויכטיג געדארפט טרעפן פרישע סוער טריעטמענטס צו קענען נאכקומען זייערע לעגאלע פליכטן צוצושטעלן סוער פאר די איינוואוינער אינערהאלב ״קאונטי סוער דיסטריקט נומער 1״, - אז זיי וועלן אפדינגען דעם ״סוער פלענט״ פון קרית יואל, און צושטעלן די פארלאנגטע צאל סוער פערמיטס פאר קרית יואל, אזוי אז ס'איז אויסגעקומען ״זה נהנה וזה נהנה״. די קאונטי איז נאכגעקומען איר לעגאלן פליכט און די אויפהאלטונג פון דעם גיגאנטישן פלענט איז נישט ארויפגעפאלן אויף די משפחות אין קרית יואל, און אלע אירע שטייער-צאלער.

נאטורליך האט קרית יואל זיך געדארפט פארפליכטן איינצוגיין אויף געוויסע פארשריפטן בעפאר די קאונטי האט עס אפגעדינגען, אזויווי יעדער טענענט און לענדלארד.

מיט דער צייט האט זיך ארויסגעשטעלט א גרויסער פראבלעם מיט'ן פלענט, אז אירע פראפעסיאנאלע גוי'אישע דעזיינערס האבן נאך קיינמאל נישט געארבעט מיט א ריין-אידישע ״סוער פלענט״, און זיי האבן נישט גענומען אין באטראכט פארשידענע סיטואציעס וואס מאכן זיך אין א אידישע שטאט, ווי צב״ש דער פאקט אז אין די דאזיגע שטאט געפינט זיך אזא הויכע ראטע פון יונגע קינדערלעך בלעה״ר, און עס קומען אן אינעם ״סוער פלענט״ פיל מער שמוץ - ווי ״פרעש-ווייפס״ וכדומה - ווי אין א געווענליכן פלענט.

ביים בויען א ״סוער פלענט״ נעמט מען אלעמאל אין באטראכט אז עס קען אנקומען צום פלענט אויך גרויסע און הארטע שמוץ מיט וואס דער פלענט קען זיך נישט ספראווען, און דערפאר ווערט טאקע אריינגעבויט א ספעציעלער ״סקרינער״, אזא ריזיגע 'נעץ' וואס כאפט אריין אין זיך אלע גרויסע שמוץ וואס דער פלענט וועט נישט קענען דערהייבן. אויך דער קרית יואל'ער ״סוער פלענט״ האט געהאט געבויט אזא סקרינער ארייצוכאפן די סארט שמוץ.

האט אבער די קאונטי זיך גענומען פארפירן אז דער סקרינער איז נישט גענוג, וויבאלד קרית יואל שיקט אריין צופיל שווערע געגנשטאנדן אינעם סוער סיסטעם, און דער פלענט ארבעט נישט ווי געהעריג לויט ווי זיי וואלטן ערוווארטעט פונעם קאנטראקט.

ווען עס איז געקומען צום באנייען דעם קאנטראקט 2 יאר צוריק - נאך וואס דער ערשטער צען יאריגער קאנטראקט איז אויסגעלאפן - האט די קאונטי געמאלדן אז זיי באנייען נישט דעם קאנטראקט נאר בתנאי אז דער ווילידזש פארפליכטעט זיך, צווישן אנדערן, ארייצושטעלן א ספעציעלן ״גריינדער״, דאס איז אזא גרויסער מאשין וואס צעמאלט אלע הארטע שמוץ וואס ווערן דארט אריינגעכאפט, און איינמאל עס ווערט צעמאלן וועט שוין זיין אסאך גרינגער, סיי פאר'ן ״סקרינער״ אפצוהאלטן די פארבליבענע גרעסערע זאכן, און סיי פאר'ן פלענט אליין צו באהאנדלען די קליינע צעמאלענע שמוץ.

בלית ברירה האט קרית יואל געמוזט איינגיין אויף די באדינגונגען [וויבאלד אן די קאונטי'ס ליעס וואלט מען נישט געקענט אפערירן דעם ריזיגן פלענט, און סיי וויאזוי וואלט מען געמוזט ארייינלייגן דעם גריינדער, ווייל אן דעם קען דער ״סוער פלענט״ נישט ארבעטן געהעריג], און עס האט זיך אנגעהויבן דער פראצעדור פון באקומען די נויטיגע פערמיטן דאס ארייינצושטעלן. באזונדער האט מען געדארפט אויפקומען מיט די פאנדן וויאזוי צו פינאנצירן דעם קאסטבארן פראיעקט, וואס דאס האט מען עווענטועל באקומען פון די סטעיט אן אינטערעסט-פרייע הלוואה פון $600,000.

אבער טראץ וואס דער ווילידזש האט שוין פארמאגט די פאנדן האט מען נאך אלץ געדארפט אדורכגיין די נויטיגע ביוראקראטישע פראצעדורן איידער מ'האט געקענט צוטרעטן צו די פאקטישע ארבעט. צווישן אנדערן האט מען אויך געדארפט צושטעלן א ספעציעלן קוואל וואסער וואס זאל צושטעלן די גרויסע מאס וואסער וואס אזא ״גריינדער״ פארנוצט. אזוי איז אויסגעקומען אז עס האט געדויערט העכער צוויי יאר פון ווען מ'האט אנגעהויבן דעם לאנגן וועג ביז ווען מ'שטייט יעצט ענדליך פאר די פאקטישע ארבעט.

פארגאנגענעם דאנערשטאג ויגש איז פארגעקומען די ״פרי-קאנסטראקשן״ מיטינג מיט די אינזשענירן פונעם ווילידזש וואו עס זענען אויסגעארבעט געווארן די לעצטע דעטאלן פונעם ״גריינדער״, און יעצט גרייט זיך דער ווילידזש צוצוטרעטן צו די ארבעט און דורכפירן די וויכטיגע אונטערנעמונג.

גלייכצייטיג ווערט געמאלדן דורכ'ן ווילידזש אין א באזונדערע נייעס, אז אויסער דעם ״גריינדער״ האט מען אויך אנגעהויבן די ברייט פארצווייגטע אונטערנעמונג פון גענצליך איבערבויען דעם שוין עקזיסטירנדן ״סקרינער״, וואס דינט אפצוהאלטן גרויסע און הארטע שמוץ פון זיך בכלל קענען ארייינכאפן אינעם ״סוער פלענט״, אבער ווי עס האט זיך ארויסגעשטעלט איז דער ארגינעלער ״סקרינער״ נישט געוועזן גענוג שטארק, און דאס דארף אויך פארראכטן און אויפגעטוישט ווערן מיט א נייעם פארבעסערטן ״סקרינער״, וואס וועט באזונדער אפקאסטן די ריזיגע סומע פון אריבער $500,000.

די געטרייע ווילידזש באאמטע האבן ווי שטענדיג אריינגעלייגט די מאקסימאלע כוחות צו פארזיכערן ווי ווייט מעגליך אז דער לאסט פון די פרישע גרויסע אויסגאבע פאלט נישט גענצליך אויף די פלייצעס פון תושבי קרית יואל, און האבן בסייעתא דשמיא באוויזן צו פארשאפן א סטעיט גרענט פון $500,000 וואס זאל דעקן די חלק פון די קאסטן פאר'ן סקרינער, און בקרוב וועט מען אי״ה צוטרעטן צו די באזונדערע פאזע פון ארייינשטעלן דעם נייעם ״סקרינער״, צו דער צופרידנהייט פון אלע תושבי קרית יואל, די טאג טעגליכע באנוצער פון דעם גיגאנטישן ״סוער פלענט״.



א מאכטפולע גריינדער



א סקרינער סיסטעם




VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

-בילינג דעפארטמענט-

## וויכטיגע מעלדונג

פאר די חשוב'ע איינוואוינער שיחי'

**ווען איר ציעט זיך אריבער אין א נייע דירה**

**מאכט זיכער אריינצורופן אין ווילידזש אפיס צו איינמעלדן דעם פונקטליכן דאטום ווען איר מופט**

**כדי מען זאל קענען טראנספערירן אייער וואסער און סאניטאציע ביל צום נייעם אדרעס**

אויב באקומט איר א וואסער ביל פונעם אלטן אדרעס ביטע רופט אריין ווי פריער אין ווילידזש אפיס אויפן נומער:

**783-8300 Ext. 1-1-1**

מיט דאנק

**די בילינג דעפארטמענט**

# KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT

48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176


## TRANSPORTATION DEPARTMENT

**מיט גרויס פרייד מעלדן מיר פאר די חשוב'ע עלטערן שיחיו,**
**אז אין א פארזוך צו פארגרינגערן און פארבעסערן די קאמיוניקאציע סיסטעם**
**צווישן די עלטערן און די טראנספארטאציע דעפארטמענט,**

**האבן מיר איינגעשטעלט א**

# קאמיוניקאציע ליין

**וואו איר קענט רופן במשך א גאנצן טאג איבער סיי וועלכע פראבלעם אדער קאמפלעינט**

**פאר סיי וועלכע טראנספארטאציע אנגעלעגנהייט רופט:**

# 782-2300 Ext. 123

**מיר האבן אויפגענומען א ספעציעלע דיספעטשאר וואס וועט אויפהייבן**
**און ענטפערן די טעלעפאנען, ווען איר רופט אריין אין די פאלגענדע זמנים:**



פון **מאנטאג** ביז **דאנערשטאג:** פון **9:00** צופרי ביז **5:00** נאכמיטאג

**פרייטאג:** פון **9:00** צופרי ביז **1:00** נאכמיטאג



**אין פאל פון אן עמוירדזשענסי, צב"ש א פארלוירן קינד אדער אן עקסידענט ח"ו,**
**קען מען רופן 24 שעה אויפ'ן זעלבן נומער, און דער קאל וועט געטרענספערט ווערן**
**צו א סעליולער טעלעפאן פונעם טראנספארטעישאן דעפארטמענט.**

פאר אלע אנדערע אנגעלעגנהייט, צב"ש א טויש אין אדרעס, א קאמפלעינט אדער א פראגע, זאל מען רופן בלויז אין די אויבנדערמאנטע שעה'ן.

**אכטונג: אויב איר מופט אין א נייע דירה, ביטע רופט אריין וויניגסטנס 2 וואכן בעפאר**

מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע און האפענונג אויף אייער פארשטענדעניש.

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**

# תושבי "שכונת ברך משה" ענטוזיאסטיש נאך פאזיטיווע פארשריט צו פארענדיגן גיגאנטישן ביהמ"ד החדש "ישמח משה דקהל יטב לב ד'סאטמאר"

(פארזעצונג פון זייט 2)

בית המדרש בפרט. דער רב שליט"א בכח השפעתו טוט אריינבלאזן א חיות און התרוממות אין די מתפללי הביהמ"ד, מיט די ווארימע דרשות און דברי תורה וועלכע דער רב שליט"א איז כסדר משמיע, און אלס מורה הוראה פאר די תושבי השכונה לדעת המעשה אשר יעשון.

במשך די צייט דורכאויס די לעצטע צוויי יאר איז נתרבה געווארן ספסלי ביהמ"ד, ווען יעדן חודש האבן זיך נאך משפחות אריינגעצויגן אין די געגענט, און צוביסליך האט דער ביהמ"ד אנגעהויבן צו ווערן אויסגעוואקסן. טראץ וואס די חברי הנהלת הביהמ"ד האבן געארבייט אימערמידליך צו פארברייטערן דעם ביהמ"ד און לינדערן די געדרענג, איז אבער געווארן קלאר אז דאס איז א שפיל קעגן דעם זייגער, און מיטן אנגייענדע צופלוס פון נייע תושבים איז עס בלויז א פראגע פון צייט, ווילאנג דער צייטווייליגער ביהמ"ד וועט קענען דינען דעם ציל.

טעטיגע עסקנים פון די שכונה בראש פון הגה"צ דער רב שליט"א האבן זיך געווענדן צו די הנהלת הקריה נאך דרינגענדע הילף, זעענדיג אז ס'איז געקומען די צייט ווען מ'ברויך נעמען ערנסטע שריט אויפצובויען א פערמאנענטן ביהמ"ד פאר'ן געברויך פון די איינוואונער, אנערקענענדיג אז דער מצב הייבט אן ווערן אומדערטרעגליך, און ס'איז ממש אוממעגליך אזוי ווייטער אנצוגיין.

## והבית בהבנותו - מ'טרעט צו צום נייעם בנין בסיעתא דשמיא

מיט די הילף פון די חשוב'ע נכבדי וראשי הקהילה והקריה איז געלונגען צו פארמירן א גאר געלונגענער שטאב פון ספעציעלע עסקנים, וועלכע האבן זיך באלד אריינגעווארפן אין די פלענער און ארכיטעקטוראלע ווערק אהערצושטעלן א בנין מפואר, אויף דעם ריזן שטח וואס 'וועד הקריה' האט דעזיגנירט ביים שפיץ פון דינוב קט. נאך ביים אויספלאנירן די שטחים פון די גאנצע שכונה. באזונדער האבן די עסקנים פארמירט א 'וועד קרן הבנין' אין שפיץ פון הגה"צ דער רב שליט"א צו שאפן די נויטיגע סכומים, און גלייכצייטיג זיך גענומען צו די ארבייט פון אקטועל אנטוויקלען דעם באדן, און אנהויבן די פראצעדורן פון גיסן די יסודות.

ווי אומגלויבליך עס זאל נישט קלינגען, האט מען בסיעתא דשמיא באוויזן צו אויפצובויען דעם חלק הארי פונעם מאנומענטאלן בית המדרש, אין א צייט אפשניט פון בלויז געציילטע חדשים! מערערע בוי פירמעס האבן געארבייט זייט-ביי-זייט, ווען בראש העבודה איז מנציח נישט קיין אנדערער ווי דער 'מלך הבונים', דער לעגענדארער בוי אונטערנעמער פון קרית יואל'ס בניני הכבוד, הרה"ח כהן שדעתו יפה מו"ה ר' אביגדור הכהן ראזענבערג הי"ו.

ר' אביגדור האט נישט נאר באגלייט די טעגליכע ארבייט, נאר אויך אקטיוו ארויסגעהאלפן פינאנציעל, סיי מיטן שפארן שווערע טויזנטער דאלארן אין געשניטענע קאסטן מיט זיין ערפארונג און ספעציאליזירונג אין בוי אונטערנעמונגען, און סיי מיטן טון אלעס וואס מעגליך צו קענען אנהאלטן דעם טעמפא און אונטעריאגן די ארבייט ווי ווייט מעגליך.

דער 'וועד קרן הבנין' האט אין דער זעלבער צייט געארבייט מיט אומגעהויערע פלייס, אהערצושטעלן די נויטיגע פאנדן צו דעקן די אנגייענדע ארבייט. א באזונדערע אפטיילונג האט זיך אפגעגעבן צו אנגאזשירן די תושבי השכונה, די הויפט מחותנים פונעם צוקונפטיגן ביהמ"ד, אז זיי זאלן אויך האבן א זכות וחלק בבנית הבית מקדש מעט, וואס וועט זיי זעלבסט דינען פאר די קומענדיגע יארן. פון בלויז תושבי השכונה שיחיו אליינס, איז געשאפן געווארן די פאנטאסטישע סומע פון 1.5 מיליאן דאללער! דאס האט ווי פארשטענדליך געגעבן גאר א שטארקן שטופ אויף פאראויס, און אט אט האט אנגעהויבן ווערן א רעאליטעט אז בעזרת השי"ת וועט מען קענען אריינטרעטן אינעם נייעם בנין, כאטש דערווייל נאר אויף א פרימיטיווען פארנעם, לכל הפחות אויפ'ן פארברייטערטן באנוץ פון די ימים טובים פונעם נייעם יאר שנת תשע"ג לפ"ק.

## פתחו לי שערי צדק - פתיחת שערים שב"ק פר' נצבים תשע"ב

די פירות פון די גאר שווערע ארבייט האט נישט געשפעטיגט צו קומען. קהל יטב לב ד'סאטמאר קרית יואל האט בשעה טובה געפייערט די פתיחת שערים פון א נייעם ריגנעלע אין די גאלדענע קייט פון הרחבת גבולי הקדושה, ווען דער פראכטפולער בנין הגדול פון בית המדרש החדש 'ישמח משה' איז געעפנט געווארן אין שכונת ברך משה, אין שפיץ פונעם מרא דאתרא, ווען מרן הגה"ק רבינו שליט"א איז ספעציעל ארויפגעקומען פראווען די תפלות ליל שבת ועריכת שלחן הטהור שבת פר' נצבים, די לעצטע שבת פון שנת תשע"ב העעל"ט, וואס האט געדינט אלס איינלייטונג פון אזא מקום תורה ותפלה ובית מקדש מעט, און הכנה צו די ימים הנוראים וימים טובים בחודש תשרי דהאי שתא שנת תשע"ג לפ"ק.

אזוי זענען אדורך די געהויבענע טעג פון חודש תשרי בראשות הגה"צ דער רב שליט"א. תושבי השכונה האבן געשפירט א שטארקע דערלייכטערונג, ווען מ'האט בס"ד זוכה געווען צו קענען נהנה זיין פון א הערליכע ליכטיגע בית המדרש, וואו עס זענען אפגעראכטן געווארן די תפלות במשך חודש תשרי.

מיט שווערע הערצער האבן די תושבי השכונה זיך געברויכט געזעגענען פון אזעלכע געהויבענע טעג, ווען זיי האבן זיך געטראפן מיט'ן פאקט, אז כדי צו קענען פולקאם ענדיגן דעם ביהמ"ד אומגעשטערט, איז דאס בעסטע צוריקצונעמען דעם וואנדער שטעקן אין די האנט, און נאכאמאל צייטווייליג אריבערגיין צוריק צום קליינעם בית המדרש ווילאנג דער נייער ביהמ"ד איז פולקאם גרייט צום געהעריגען באנוץ.

אסאך שווערער איז דאסמאל געווען פאר די תושבים זיך איינצוגלידען אינעם קליינעם ביהמ"ד, קומענדיג פון א מקום רחבת ידים והרחבת הדעת, צוריק צו א צמצום און באגרעניצונג, ספעציעל מיטן כסדר'דיגע צופלוס פון נייע צוגעקומענע תושבים ומתפללים, גאר שווער האבן די גבאי הביהמ"ד ועסקני השכונה געארבייט, אויף אהערצושטעלן דעם צייטווייליגן שטיבל אויף וויפיל ס'נאר שייך צו קענען אריינעמען אלע מתפללים. עס ברויך ארויסגעהויבן ווערן לשבח די מתפללים זעלבסט, וועלכע האבן מיט פארשטענדעניש זיך צוגעפאסט מיט פארשידענע איינגעצוימטקייט, ולא אמר אדם צר לי המקום, וואוסענדיג און איינזעהנדיג אז די עסקנים פרובירען ווי ווייט מעגליך צופרידנצושטעלן אלע מתפללים מיט זיצן וכדו', און גלייכצייטיג גייען אן די פלענער צו ענדיגען דעם נייעם ביהמ"ד גאר בקרוב.

דער בנין זייענדיג היינט צוטאגס איינע פון די גרעסטע בנינים אין קרית יואל, איז אויך צוניץ געקומען במשך די תקופה פאר אנדערע געברויכן, ווי דער מעמד פתיחת הזמן פאר די הונדערטער בחורים תלמידי הישיבות פון אלע אפטיילונגען פון די מתיבתא הקדושה דרבינו יואל, וואו כ"ק מרן רבינו שליט"א דער ראש הישיבה האט דארט משמיע געווען דעם דרשת פתיחה פאר אלע תלמידי המתיבתא. אזוי אויך שפעטער אין זמן איז דארט געפראוועט געווארן דער פייערליכער יום הצלה והשחרור פון רביה"ק זי"ע ביום כ"א כסלו, דורך די הונדערטער בחורים, תלמידי המתיבתא פון אלע אפטיילונגען.

## השלם זה הבנין - די ארבייט צו פארענדיגען דעם בנין המפואר

די פארגאנגענע חדשים פון חשון און כסלו, זענען געווידמעט געווארן דורכ'ן וועד קרן הבנין אויף צו שאפן די נויטיגע פאנדן, סיי אויסצוצאלן די חלקים וואס מ'האט שוין געהאט אריינגעלייגט אינעם בנין, וואס דאס זעלבסט האט אנגעזאמלט א הויפן פון חובות, וואס האט ווי פארשטענדליך אפגעהאלטן פון צו קענען ווייטער בויען, און אויך צו שאפן סכומים אויף די ווייטערדיגע געברויכען פונעם גמר הבנין.

די עסקנים אין שפיץ פון הגה"צ הרב שליט"א האבן נישט געשוינט קיין צייט און נישט געזשאלעוועט קיין כח. טאג נאך טאג האט מען אנגעקלאפט אין די טירן פון נדיבים בעם, סיי דאהי אין קרית יואל און סיי פון נדבנים חסידי סאטמאר די בכל אתר ואתר, ויקחו לי תרומה למלאכת בית ה', נדיבים פון איבעראל האבן זיך אנגעשלאסן אינעם קאמפיין, ביז מ'האט אנגעהויבן זעהן א שיין פון האפענונג אז מ'קען שוין אט אט גיין פאראויס און פארענדיגן דעם בנין.

צו דעם איז אויך צוגעקומען די גאר נויטיגע הילף פון חברי הנהלת והקריה, וועלכע האבן באוויזן צו שאפן פאנטאסטישע סכומים און הלוואות פון פארשידענע גמ"ח'ן, צו ערמעגליכן פאר די נדבנים אויסצוארבייטן לענגערע טערמינען, וואס דאס זעלבסט האט גאר א פאזיטיווען ווירקונג אויף די פאנדרעיזינג ארבעט, און אזוי ארום האבן די עסקנים באוויזן אויפצוטרייבן באדייטנדע און גרעסערע סכומים לטובת גמר הבנין.

ענדליך מיט עטליכע וואכן צוריק איז געקומען די פריידיגע בשורה, אז מ'זעצט פאר בעזהשי"ת מיט די ארבייט, אויף צו ברענגען דעם בנין לידי גמר בס"ד. די נייעס האט זיך בליץ שנעל פארשפרייט צווישן די תושבי השכונה ומתפללי בהמ"ד 'ישמח משה', וועלכע לעכצן שוין צו זעהן דעם 'בורא עולם בקנין השלם זה הבנין', שפירנדיג א דערלייכטערונג אינעם געדרענגנליכן מצב פונעם ביהמ"ד, וואוסענדיג אז די טעג דערנענטערן זיך שוין בעז"ה זיך צו קענען אריינציען אינעם הערליכן בנין הגדול פונעם נייעם בית המדרש.

אין די יעצטיגע טעג גייען טאקע פאר אינטענסיווע ארבייט, פארצוזעצן די מלאכת הקודש פונעם בנין בית מדרש החדש ישמח משה, מיט די האפענונג אז אויף קומענדיגן יו"ט פסח הבעל"ט, זאל מען ווידער קענען פראווען מיט הרחבת הדעת ושפע קודש, אבער דאסמאל אויף א פערמאנענטן אופן, לשמחת לבם ולשביעת רצון פון די חשוב'ע מתפללים ותושבים, און אין פארברייטונג צו קענען ענטפאנגען דעם פרישען פלייץ פון נייע תושבים מיט די פארענדיגונג פון נאך בנינים אין די געגנט וועלכע האלטן שוין ביי די לעצטע פאזעס, גרייט זיך אריינצוציען אין די קומענדיגע חדשים בשעה טובה.

גלייכצייטיג טוען די עסקנים פונעם וועד קרן הבנין אפעלירן צו אנשי שלומינו, און בעטן ביי ווער עס קען זאל ביטע ארויסהעלפן מיט נדבות לטובת גמר הבנין, צו דורך אפקויפן זכותים אין אזא בנין מפואר, וואס וועט בעזהשי"ת דינען אלס אכסניא פאר טויזנטער שעות לימוד התורה און תפלות תמידין כסדרן א גאנץ קיילעכדיג יאר. אזוי אויך גייט אן אין די טעג דער קאמפיין מעורר צו זיין די נייערע תושבים, וועלכע האבן זיך נאכנישט אנגעשלאסן אינעם געלט אקציע, אז זיי זאלן אויך נעמען א חלק אין די מצוה רבה פון אויפשטעלן א בית המדרש מפואר 'פאר זיי און פאר זייערע קינדער'..

עס איז טאקע צו האפן און עס בלייבט צו וואונטשן, שתשרה שכינה במעשה ידיהם, מ'זאל קענען ערפילען די פלענער און גאר בקרוב קענען פראווען דעם חנוכת הבית, פון אזא הייליג בית שמגדלין בו תורה ותפלה, על דרך הסלולה לנו ע"י רבותינו הקדושים נשמתם עדן, תחת דגל הנשיאות דורך ממשיך דרכם הטהורה מרן רבינו הגה"ק שליט"א, דער מרא דאתרא קדישא הדין, ביז מיר וועלן זוכה זיין צום גרויסן חנוכת הבית בבנין בית מקדשינו ותפארתינו אין ירושלים עיה"ק.

השלם זה הבנין.

# 7'טע פאזע פון סיידוואלק פראיעקט פולקאם פארטיג, צום צופרידנהייט פון די איינוואוינער

(פארזעצונג פון זייט 2)

דאס וועט זיין מסודר וועט מען זיך זארגן איבער'ן צווייטן פראבלעם פון "כסף מנלן".

נאך א לאנגע ביוראקראטישע ארבעט פון עטליכע חדשים פון די ווילידזש שטאב מיט ספעציעלע ראטגעבער אין דעם פעלד, איז אין די וואכן בעפאר פסח געקומען צו א דורכברוך ווען מ'האט אויסגעארבעט מיט די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט א מהלך וויאזוי זיי זאלן יא מעגן באצאלן צוריקצושטעלן די מיסט הייזער.

באלד דערויף האט די ווילידזש זיך גלייך גענומען צו ארבעטן אויפ'ן צווייטן פראבלעם, צו ערלעדיגן אז די $150,000 וואס ס'דארף קאסטן דאס איבערצובויען זאל אריינגערעכנט ווערן אינעם גרענט און ס'זאל באצאלט ווערן דורך די רעגירונג.

נאכ'ן זיצן אויף מיטינגען מיט די "ארענדזש קאונטי טראנספארטעישאן קאונסיל" וואס זיי דארפן באשטעטיגן יעדן פראיעקט אין די קאונטי וואס ווערט באצאלט דורך די רעגירונג, האט מען ב"ה דאס אויך ערלעדיגט מיט די סטעיט אז זיי ווילן יא אריינשטעלן די פרישע הוצאה אינעם גרענט, און דערנאך האט מען געדארפט ווארטן אז עס זאל באשטעטיגט ווערן דורך די אלע נויטיגע אגענטורן און אויך דורכ'ן סטעיט קאמפטראלער, וועלכע האבן אלע געדארפט געבן זייער הסכמה דערצו.

גלייך ווען די באשטעטיגונג איז אנגעקומען צום ווילידזש, האט מען זיך גענומען אויסארבעטן די לעגאלע פאפיר ארבעט איבערצומאכן דעם "סיידוואק און ראוד רענאוואציע פאזע 7" קאנטראקט, אריינצונעמען די פרישע $150,000 פאר'ן פאררעכטן די מיסט הייזער, כדי צו קענען אפעלירן פאר די פרישע פאנדס.

עס האט טאקע גענומען א לאנגע צייט מיט אסאך הארעוואניע, אבער ענדליך האט מען יעצט באוויזן צו ענדיגן די ארבעט צו דער פולקאמער צופרידנהייט פון אלע איינוואוינער אויף די פרייער-דערמאנטע גאסן, און דערצו איז ב"ה געלונגען צו ערלעדיגן, א דאנק די אומערמידליכע הארעוואניע פון די ווילידזש באאמטע, אז עס זאל נישט ווערן קיין פרישע שווערע לאסט אויף די אלע איינוואוינער.

גלייכצייטיג איז טאקע דא דאס פלאץ צו דערמאנען פאר יעדן קרית יואל'ער איינוואוינער, אז ווען א פראפערטי אייגנטימער וויל בויען עפעס, סיי וואס, נאנט צום סיידוואק, זאל מען מאכן זיכער אז דאס איז טאקע אויף די אייגענע פראפערטי און אז דער ארט וואו מ'פלאנט צו בויען באלאנגט נישט פאר'ן ווילידזש, כדי צו פארמיידן אומזיסטע הוצאות און עגמת נפש אין פאל דער ווילידזש דארף דורכפירן סיי וואספארא רענאוואציע אויף יענעם שטח.

דאסמאל איז טאקע נאך גרויס סיעתא דשמיא און לאנגע חדשים ארבעט געלונגען אז די אויסגאבן זאל נישט פאלן צו לאסט אויף די איינוואוינער אין יענע גאסן, אבער קיינער האט נישט קיין גאראנטיע אז א קומענדיגע מאל וועט מען נישט זיך טרעפן מיט א פלוצים'דיגע גרויסע הוצאה בלויז דערפאר וואס מ'איז נישט געווען פארזיכטיג בשעת'ן בויען.

# נישט אידישער ארבייטער פון סאניטעישאן דעפארטמענט אומגעקומען אין אויטא עקסידענט

קרית יואל. - אן ארבייטער פונעם ווילידזש סאַנעטעישאָן דעפּאַרטמענט איז אומגעקומען ביי די אַרבעט, נאָכ׳ן אַראָפּגעקלאַפּט ווערן דורך אַ נישט-אידישן דרייווער וועלכער איז אַנטלאָפן פון די סצענע.

די געשיכטע האָט פּאַסירט מיטוואָך פ׳ ויגש, ווען די סאַנעטעישאָן דעפּאַרטמענט ארבייטער זענען געווען אויף סאַטמאַר דרייוו נעבן דעם ווינקל פון סיגעט קאָורט און האָבן צוזאַמגענומען די גאַרבעדזש.

עס האָט פּאַסירט ווען איינע פון די ארבייטער איז אַריבערגעגאַנגען די גאַס צום אַנדערן זייט צו נעמען די גאַרבעדזש, און פלוצים איז ער אַראָפּגעקלאַפּט געוואָרן דורך אַ ווייסן מיני-ווען וועלכע איז געדרייווט געוואָרן דורך אַ גוי׳טע, וועלכע איז געפאָרן מיט אַן איבערגעטריבענע שנעלקייט.

די מאָטאָריסטקע איז אַנטלאָפן פונעם אָרט, (היט ענד ראָן בלע״ז), די הצלה איז אַרויסגערופן געוואָרן און מען האָט פּרובירט אָפּצוראַטעווען דאָס לעבן פונעם סאניטעישאן ארבייטער, אָבער אָן ערפאָלג.

מען האָט אַרויסגערופן די סטעיט פּאָליציי צום אָרט, וועלכע האָבן דורכגעפירט אַן אויספאָרשונג וואָס האָט זיך פאַרצויגן פאַר לאַנגע שעה׳ן. מען האָט אָנגעהויבן אַ זוך נאָך די מאָטאָריסטקע, און אַ טאָג שפּעטער ווען זי האָט געהערט אַז זי ווערט געזוכט דורך די פּאָליציי האָט זי זיך אונטערגעגעבן און איז אַרעסטירט געוואָרן, און עס דראָעט איר האַרבע פעלאָני קלאַגעס פאַר׳ן אַנטלויפן פונעם אָרט פון אַן עקסידענט נאָכ׳ן פאַראורזאַכן אַ פאַטאַלן עקסידענט.

דער עקסידענט האָט אָפּגעשפּאַרט דעם סאַטמאַר דרייוו גאַס, אַ הויפּט גאַס אין די שטאט, און עס האָט געשאַפן אַ טראַפיק פאַר לאַנגע שעה׳ן, ספּעציעל ווען דער אינצידענט האָט פּאַסירט נאָכמיטאָג ביים אָנהויב פון די פאַרנומענסטע שעה׳ן אין טאָג ווען די צענדליגער באָסעס טראָגן אַהיים די קינדער פון די בתי חינוך.

די מצילי אש פייער דעפּאַרטמענט וואָלונטירן זענען געווען טעטיג אויפ׳ן אָרט צו קאָנטראָלירן דעם טראַפיק און אויך איז אנוועזנד געווען דער באַאַבטער פירער פונעם סאַנעטעישאָן דעפּאַרטמענט ר׳ יושע בלומענטאַל וועלכער האָט צוזאַמגעאַרבעט מיט די סטעיט פּאָליציי אויספאָרשער און האָט געענטפערט אויף אַלע זייערע פראַגעס. אויך איז אנוועזנד געווען אויפ׳ן אָרט דער באַגאַבטער פירער פונעם ווילידזש פּאָבליק סעיפטי דעפּאַרטמענט ר׳ משה לייב וויטריאל הי״ו, וועלכער האָט געהאָלפן מיט אַלע אַנגעלעגנהייטן.

*

אין ליכט פון דעם געשעעניש האָבן מיר זיך פאַרבינדן מיט ר׳ יושע בלומענטאַל צו הערן פון אים אַ קורצן באַריכט וואָס דאָ האָט פּאַסירט:

רעדאַקציע: אַ גוטן ר׳ יושע, וואָס זאָגט איר צו די פּאַסירונג, אגב, מיר ווייסן אַז געוועגליך נעמט מען צוזאַם די גאַרבעדזש אין די טיפע נאַכט שעה׳ן, ווי קומט דאָס אַז מען נעמט צוזאַם די גאַרבעדזש בייטאָג און אַזוינס פּאַסירט?

ר׳ יושע: געוועגליך נעמט מען צוזאַם די גאַרבעדזש אויסשליסליך ביינאַכט, דאָס איז אַ שווערע אַרבעט וואָס ווערט דורכגעפירט יעדע נאַכט, מען נעמט צוזאַם דעם גאַרבעדזש פון די גאַנצע שטאָט, דורך אַ פלאָטע פון דריי טראָקס, צוויי פון די סאָרטן וואָס מען לאָדענט אָן פון הונטן און איינס איז אַ פראָנט-לאָודער וואָס נעמט אויף די גאַרבעדזש פון די גרויסע קאָנטעינאָרס. יעדער טראָק פאַרמאָגט אַ שטאַב פון 3 גוים, איינער איז דער דרייווער און די צוויי אַנדערע זענען די שלעפער (אויסער ביים פראָנט-לאָודער טראָק וואָס האָט נאָר דעם דרייווער).

די אַרבעט ווערט אָנגעהויבן 2:30 פאַרטאָגס און ציעט זיך ביז אין די צופרי שעה׳ן, אָבער געוועגליך -8:00 9:00 צופרי איז מען שוין פאַרטיג.

די סיבות דערפון זענען פשוט׳ע, און יעצט נאָך דעם עקסידענט פאַרשטייט מען דאָס קלאָר. דאָס צוזאַמנעמען די גאַרבעדזש איז אַ מסוכנ׳דיגע אַרבעט פאַר די גאַרבעדזש ארבייטער, זיי דאַרפן כסדר דורכגיין די גאַס אַהער און אַהין, (גראַדע אין פילע גאַרבעדזש דעפּאַרטמענטס איז דערפאַר דאָ אַ רעגולאַציע אַז מען טאָר נישט צוזאַמנעמען די גאַרבעדזש פון צוויי זייטן פון די גאַס אויפאיינמאָל, מען קען דאָס נאָר טאָן אויף איין זייט פון די גאַס).

שטעלט זיך פאָר ווען מען זאָל דאָס טאָן אינמיטן טאָג, ספּעציעל אין די שעה׳ן פון 8:00 ביז 10:00 צופרי און פון 2:30 ביז 5:00 נאָכמיטאָג ווען צענדליגער באָסעס דזשומען אין שטאָט, עס וואָלט געווען ממש אַ גרידלאַק טראַפיק און אַ געוואַלדיגער געפאַר פאַר די איינוואוינער; מאָטאָריסטן; פיסגייער; און פאַר די גאַרבעדזש ארבייטער.

דעריבער אַרבעט מען יעדע נאַכט גאָר שווער כדי דאָס דורכצופירן און פאַרענדיגן פאַר די טעגליכע מהומות הייבן זיך אָן.

פראַגע: וואָס האָט יעצט פּאַסירט אַז מען האָט יאָ צוזאַמגענומען די גאַרבעדזש בייטאָג?

ענטפער: פאַר עטליכע מאָנאַטן צוריק האָט מען אויפגענומען אַן ארבייטער אינעם סאַנעטעישאָן דעפּאַרטמענט, ער האָט אָנגעהויבן בונטעווען און האָט געוואָלט אַנשטאָט אַן ארבייטער זיין דער באַלעבאָס, ער האָט געוואָלט איינטיילן וואָס מען זאָל טאָן, וואספארא סקעדזשולס מען זאָל מאַכן, ער האָט געוואָלט אָרגאַניזירן די ארבייטער אין אַ גרופּע אַז זיי זאָלן קענען אויסאיבן מאַכט אויף די פירערשאַפט פון די דעפּאַרטמענט.

בכלל האָט דער ארבייטער זיך כסדר אַרומגעטראָגן מיט טענות אַז מען באַהאַנדעלט אים נישט ווי געהעריג און אַז דער פעיראָל אָפּיס טויג נישט און אַז מען ציפּט אַראָפּ צופיל שטייערן פון זיין געהאַלט טשעק. (דאָס האָט ער נישט געכאַפּט אַז היות ער האָט קיין פאַמיליע צאָלט ער העכערע שטייערן).

הפנים ער האָט כסדר געהעצט און געבונטעוועט, און האָט איבערגעצייגט די אַנדערע ארבייטער נישט צו קאָאָפּערירן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דערשפּירן, איין טאָג האָבן די ארבייטער געפעלט, און ביים אַנדערן טאָג האָבן אַנדערע געפעלט און די אַרבעט האָט אָנגעהויבן אונטערהינקען.

אַז איין ארבייטער פער טראָק קומט נישט אַריין קען מען נאָך אָנגיין מיט די אַרבעט, אָבער ווען צוויי קומען נישט אַריין מיינט אַז דער טראָק קען נישט אויפנעמען די גאַרבעדזש. אַזוי האָט דאָס פּאַסירט עטליכע מאָל און מען איז געוואָרן אונטערשטעליג מיט די אַרבעט, וואָרום דאָס אויפנעמען די גאַרבעדזש אין קרית יואל איז אַלץ אַ געיעג, עס איז אַ פאַרמעסט נאָכצויאָגן די אַרבעט נישט צו בלייבן אונטערשטעליג.

דער עקסידענט האָט פּאַסירט דעצעמבער 12, דינסטאָג פ׳ מקץ. אַ נאַכט פאַרדעם איז מען געוואָרן אונטערשטעליג מיט די אַרבעט ווייל צוויי גוים האבן געסטרייקט, און זענען נישט אַריינגעקומען אַרבעטן און מען האָט זיך דערזען מיט אַ קריזיס.

דער סאַניטעישאָן דעפּאַרטמענט האָט זיך פאַרבינדן מיט אַן עידזשענסי וואָס שטעלט צו צייטווייליגע ארבייטער און זיי האָבן פאַרשפּראָכן אַראָפּצושיקן ערזאַץ ארבייטער. ווי פאַרשטענדליך האָבן זיי געזאָגט אַז דאָס זענען ערפאַרענע גאַרבעדזש קאָלעקשאָן ארבייטער, נאָרמאַלע אַנשטענדיגע ענגליש-רעדנדע גוים.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט האָבן זיי אַראָפּגעשיקט סתם ארבייטער, איינער פון זיי האָט נישט געקענט קיין ענגליש. אויף יעדן פון די גאַרבעדזש טראָקס איז דאָ די ספּעציעלער רעפלעקטאָר וועסטלעך וואָס די ארבייטער דאַרפן אָנטאָן כדי מען זאָל זיי גוט קלאָר אָנזען אינעם רוישיגן פאַרקער, אָבער די נייע ערזאַץ ארבייטער וואָס מען האָט באין ברירה געמוזט אַריינרופן האָבן דאָס נישט אָנגעטאָן.

זייער אומערפאַרונג האָט זיך גלייך אָנגעזען ווען בלויז צען מינוט נאָכ׳ן אָנהויבן די אַרבעט האָט דער עקסידענט פּאַסירט, דער אומגעקומענער איז געווען אַ שפּאַנישער מאַן פון גואַטאַמאַלאַ וועלכער האָט קיין ענגליש נישט געקענט.

פראַגע: וואָס האָט פּאַסירט נאָכ׳ן עקסידענט?

ענטפער: די הצלה האָט פרובירט אָפּצוראַטעווען דעם מענטש, אָבער אָן ערפאָלג, עס איז נישט געווען וואָס צו טאָן. די סטעיט פּאָליציי האָט דורכגעפירט אַן אויספאָרשונג און דאָס האָט געהאַלטן פאַרנומען דעם אָפיס פונעם סאַנעטעישאָן דעפּאַרטמענט פאַר עטליכע שעה׳ן.

פראַגע: איז די פעדעראַלע אָושאַ אַגענטור אַראָפּגעקומען פאָרשן?

ענטפער: דער ווילידזש איז אַ מוניציפּאַליטעט און ביי מוניציפּאַליטעטן גילט דער געזעץ אַנדערש, און אַנשטאָט אָושאַ איז אַראָפּגעקומען די סטעיט אַגענטור איבער ארבייטער זיכערהייט, גערופן .P.E.S.H, דאָס מיינט רעגירונג ארבייטער זיכערהייט און געזונטהייט, עס איז אַ פליגל פונעם סעיפטי ענד העלט אָפּטיילונג פונעם ניו יאָרק סטעיט לעיבאָר דעפּאַרטמענט.

זיי האָבן די זעלבע רעגולאַציעס און פולמאַכטן ווי די פעדעראַלע אָושאַ אַגענטור, אָבער ווי פאַרשטענדליך איז נישט געווען קיין שום פּראָבלעם, וואָרום דאָס איז געווען ערזאַץ ארבייטער און מען האָט זיי געוואָרנט אַז זיי דאַרפן נוצן די רעיפלעקטאָר וועסטלעך, און די רעגירונג האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז געווען אַ טראַגישער עקסידענט אין וועלכע מען קען קיינעם נישט באַשולדיגן אויסער די מאָטאָריסטקע וועלכע איז געפאָרן מיט אַן איבערגעטריבענע שנעלקייט און איז נאָכדערצו אַנטלאָפן.

פראַגע: וואָס איז דער אויספיר פונעם געשיכטע?

ענטפער: דער עקסידענט צייגט איבער די וויכטיגקייט פון אויפנעמען די גאַרבעדזש דייקא אין די ביינאַכט שעה׳ן, און עס קומט אַ גרויסן דאַנק פאַר די ווילידזש סאַנעטעישאָן דעפּאַרטמענט באַאַמטע וואָס אַרבעטן שווער דאָס דורכצופירן, דאָס איז אַ שווערע אַרבעט יעדע נאַכט און מען דאַרף זיך כסדר ספּראַווען מיט פאַרשידענע פּאַנטשערס, און אויב אַמאָל ווערט מען געשטערט פונעם שלאָף דורך די דזשומרייען פונעם גאַרבעדזש טראָק אין די טיפע פאַרטאָגס שעה׳ן איז וויכטיג אין אַכט צו נעמען אַז דאָס איז פאַר׳ן וואוילזיין און זיכערהייט פון די שטאָט, סיי פון די ארבייטער און סיי פון די איינוואוינער.




## ״גאַרבעדזש קאָרופּציע״ נוסח אָלסטער קאַונטי

עס איז אינטערסאַנט צו ציען אַ פּאַראַלעל צווישן די גענויטע גאַרבעדזש ווירטשאַפט אינעם ווילידזש אָוו קרית יואל און קעגן אַנדערע ערטער וואו די גאַרבעדזש ווערט אַ געצייג פאַר פּאָליטישע קאָרופּציע און פּאַטראָנאַזש דזשאַבס און צום סוף באַצאָלן דערויף די איינוואוינער מיט שווערע פּראָצענטן.

הערט וואָס פּאַסירט אין אָלסטער קאַונטי, שוין יאָרן צוריק האָט די קאַונטי אויפגעשטעלט די ״סאָליוואַן קאַונטי גאַרבעדזש אויטאַריטי״ מיט׳ן ציל זיך אָפּצוגעבן מיט די גאַרבעדזש קאָלעקשאָן געברויכן פון די קאַונטי.

וואָס מיינט דאָס אַן אויטאַריטי? דאָס איז אַזאַ קוואַסי-רעגירונג אַגענטור, דאָס איז רעגירונג אָפּטיילונג וואָס איז רואה ואינו נראה, ניו יאָרק סטעיט האָט צב״ש צענדליגער אויטאַריטיס וואָס גיבן זיך אָפּ מיט איין רעגירונג פונקציע אָדער אַן אַנדערע.

געוועגליך איז אַן אויטאַריטי אַ רעצעפּט פאַר קאָרופּציע, די רעגירונג פירער זעצן אַריין זייערע פריינט און באַקאַנטע אַלס גוט-באַצאָלטע באַאַמטע אין די אויטאַריטיס, די באַאַמטע פאַרדינען אַסטראָנאָמישע געהאַלטן, און ווי פאַרשטענדליך איז אַלץ דאָ דעפיציטן וואָס מען לייזט דורך באָרגן געלט.

דאָס האָט פּאַסירט מיט די אָלסטער קאַונטי גאַרבעדזש אויטאַריטי, עס איז אָנגעפּיקעוועט געוואָרן מיט אומפעאיגע באַאַמטע וועלכע האָבן באַקומען געשוואָלענע געהאַלטן, די אויטאַריטי האָט נישט פאַרדינט קיין געלט נאָר זיך פאַראורזאַכט חובות פון 22 מיליאָן דאָלאַר וואָס מען האָט געדעקט דורך זיך באָרגן געלט אויפ׳ן באַנד מאַרקעט און ווער איז פאַראַנטוואָרטליך צו באַצאָלן די חובות? דער שטייערצאָלער.

זעענדיג אַז דער גאַרבעדזש אויטאַריטי איז אַריינגעפאָרן אין אַ לאָך, האָט סאָליוואַן קאַונטי דורכגעפירט אַ נייע גזירה, נעמליך אַז אַלע גאַרבעדזש וואָס ווערט צוזאַמגענומען אין די קאַונטי מוז געברענגט ווערן צו די קאַונטי׳ס טראַנספער סטאַנציע.

ד.מ. אַזוי, ווי עס איז יעצט איז דאָ פירמעס וואָס זאַמלען די גאַרבעדזש און ברענגען דאָס צו די קאַונטי׳ס טראַנספער סטאַנציע און צאָלן דעם אָפּצאָל און די קאַונטי פירט דאָס ווייטער צום לענדפיל. אַנדערע פריוואַטע גאַרבעדזש פירמעס פירן אַרויס דעם גאַרבעדזש צו זייערע אייגענע טראַנספער סטאַנציעס און טראָגן דאָס צו זייערע אייגענע לענדפילס וואו דאָרטן באַקומען זיי ביליגערע פרייזן.

אָלסטער קאַונטי טענה׳ט אַז די קאָנקורענץ פון די פריוואַטע גאַרבעדזש פירמעס וואָס ברענגען די גאַרבעדזש צו איר שניידט אונטער אירע רווחים, ממילא איז מער נישטאָ אַזאַ זאַך, און יעדע גאַרבעדזש פירמע וואָס קאָלעקט גאַרבעדזש אין די גרעניצן פון אָלסטער קאַונטי מוז דאָס ברענגען צו די קאַונטי׳ס טראַנספער סטאַנציעס און צאָלן דעם אָפּצאָל, און די קאַונטי וועט דאָס אריבערפּאַקן אויף די טרעילאָרס וואָס טראָגן דאָס צו די לענדפילס מיט וועמען אָלסטער קאַונטי האָט אַ קאָנטראַקט.

וואָס איז דער שפּיץ, אַז מוניציפּאַלע גאַרבעדזש סערוויסעס אין די קאַונטי וועלן טאַקע צאָלן אַ געוועגליכן ביליג פרייז פער טאָן פאַר די גאַרבעדזש וואָס זיי ברענגען ביי די קאַונטי׳ס טראַנספער סטאַנציע, ווידעראום די פריוואַטע גאַרבעדזש פירמעס וועלן אָבער צאָלן דעם געשוואָלענעם פרייז פון $100 פער טאָן וואָס זיי ברענגען צו די קאַונטי, און זיי האָבן קיין ברירה, זיי קענען נישט זוכן ביליגערס, זיי קענען נאָר ברענגען די גאַרבעדזש צום קאַונטי טראַנספער סטאַנציע.

וואָס גלויבט איר, ווער וועט צאָלן די העכערע פרייזן? עווענטועל וועט דאָס אָנקומען צו די גאַרבעדזש צאָלער, אָבער טראָץ די קעגנערשאַפט איז דער געזעץ איינגעפירט געוואָרן וואָרום מען דאַרף אָפּצאָלן די 22 מיליאָן דאָלאַר אין חובות וואָס די אָלסטער קאַונטי גאַרבעדזש אויטאַריטי האָט זיך אָנגעזאַמעלט.





# ווילידזש טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט שטארק אנגעשטרענגט נאָכדעם וואָס צוויי באָסעס זענען אַרויס פון דינסט

(פארזעצונג פון זייט 6)

אַרבעטער, ווי אויל טשעינדזשעס און אַנדערע אונטערזוכונגען. ביז יעצט האָט מען געהאַט די ערזאַץ מעגליכקייטן אינעם סיסטעם, אַז די רייזעס זאָלן נישט געשטערט ווערן אפילו ווען איינס-צוויי באָסעס זענען נישט אין דינסט, און יעצט איז דאָס נישט דאָ, דאָס מיינט אַז ביי יעדן קלענסטער פּראָבלעם ווערן די רייזעס עטוואָס פאַרשפּעטיגט אָדער געשטערט.

*

## דער פּלאַן אויף ווייטער

ווי די פירער פונעם ווילידזש טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט גיבן איבער וועט דער שאָדן פונעם פאַרברענטן באָס געוויסליך אויסגעצאָלט ווערן דורך די אינשורענס פירמע, און זיי וועלן אויך צאָלן פאַר די קאָסטן צו פאַרריכטן דעם אַנדערן עקסידענט-געשעדיגטן באָס. אָבער דאָס מיינט נישט אַז מען וועט האָבן אַ גיכע לעזונג צום פּראָבלעם, וואָרום מען דאַרף נישט יעצט אַזוי וויכטיג דאָס געלט ווי מען דאַרף באָסעס, און דאָס איז נישט קיין זאַך וואָס מען קען אַראָפּנעמען פונעם פּאָליצע פונעם געשעפט און איינקויפן.

נאַטורליך וואָלט דער ווילידזש זיך גלייך גענומען צו די אַרבעט איינצוקויפן אַ נייעם באָס, אָבער איצטערט האַלט מען אינמיטן דעם פּראָצעדור פון באַקומען נייע באָסעס פון די סטעיט טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט, וועלכע סובסעדערידירט די באָסעס פאַר די מוניציפּאַלע מאַסן-טראַנזיט סערוויסעס.

גראַדע האָט דאָס שוין געזאָלט צושטאַנד קומען יאָרן צוריק, וואָרום די קרית יואל'ער מיני-באָסעס זענען שוין היבש אָפּגענוצט און אַלט, און מען האָט אַלץ אַרויסגעקוקט אויפ'ן סטעיט פּראָגראַם צו ערזעצן די אַלטע באָסעס, אָבער צוליב ביוראָקראַטישע שטרויכלונגען איז דער פּראָגראַם נישט צושטאַנד געקומען.

איצטערט איז געקומען די פריידיגע מעלדונג, איז די סטעיט האָט באַשטעטיגט דעם פּראָגראַם פאַר נייע באָסעס פאַר'ן מאַסן-טראַנזיט סיסטעם פונעם ווילידזש אָוו קרית יואל, וואָס דאָס וועט זיין אַ שטאַרקע פאַרלייכטערונג.

אָבער דאָס איז נישט אַזוי שנעל. די ביוראָקראַטישע סטעיט רעגירונג רוקט זיך שטאַטער ווי אַ קראָקאָדיל אין די עווערגלעידס זומפּן, און עס וועט נאָך נעמען פינף-זעקס מאָנאַטן ביז די נייע באָסעס וועלן אָנקומען, און דערפאַר וועט מען מוזן אויפקומען מיט צייטווייליגע מאָסנאַמען, צב"ש אָפּדינגען אַ באָס פאַר אַ קורצע צייט, אָדער וועט מען מוזן אָנציען מיט'ן געצוימטן פלאָטע פון פיר באָסעס ביז מען וועט באַקומען די נייע באָסעס.

אַ באַשלוס איבערדעם איז נאָכנישט ענדגילטיג געפאַסט געוואָרן אינעם טראַנספּאָרטאַציע אָפיס אינעם ווילידזש אָוו קרית יואל.

על פי ה' יסעו.


VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

- קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט -

## וויכטיגע דערמאנונג

מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען פאר'ן חשוב'ן ציבור שיחיו, אז

**אלע וואס אפלייען פאר סיי וועלכע סאשעל סערוויס בענעפיטן**

ווי מעדיקעיד, פוד סטעמפס או"וו

**מוזן פארמאגן א גאווערמענט באשטעטיגטע "פאטא איי די"**

ווי צב"ש א פאספארט, דרייווערס לייסענס, אדער נאן דרייווערס לייסענס

אן די פארלאנגטע אידענטיפיקאציע קען מען נישט אפלייען פאר סאשעל סערוויסעס

מיט דאנק פאר אייער פארשטענדעניש

די קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL
## BUS TRANSPORTATION SCHEDULE
(845) 783-8300 x14

## LOCAL ROUTE

**The route operates Monday through Thursday:** from 9:00 AM until 6:30 PM
**Friday:** from 9:00 AM until 1:00 PM - **Summer Months:** until 2:00 PM
**Sunday Winter Months:** from 10:00 AM until 6:30 PM
**Sunday Summer Months:** from 11:00 AM until 6:30 PM

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

### ODD HOURS
**9:00-11:00-1:00-3:00-5:00**

- Toltchav by Dinev **:00**
- Kahan by I. Zupnick
- I. Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Krolla
- Forest by Mountain **:05**
- Forest by Senior Citizens
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center **:09**
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway **:10**
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Schunnemunk by Forest
- Liznsek (Drop Off)
- Koznits
- D.A. Wieder **:15**
- Seven Springs
- Mountain View
- Ruzhin
- Krakow **:20**
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas **:23**
- Chevron (Aishes Chayil)
- Taitch **:25**
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin
- Shopping Center **:35**
- Garfield
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain
- Acres - Krolla
- Acres & Lemberg **:38**
- Acres - Satmar
- Zupnick
- Meron by Kahan **:40**
- Meron (Filmore-Kalev Short cut)
- Leipnik & Tevrya
- Bussines Center **:42**
- Girl's School - I. Zupnick
- Kahan by I. Zupnick **:45**
- I. Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Krolla **:48**
- Acres by Forest
- Shopping Center **:00**

### EVEN HOURS
**10:00-12:00-2:00-4:00-6:00**

- Shopping Center **:00**
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Taylor by Boy's School
- Hayes by Forest **:05**
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres **:09**
- Acres by Israel Zupnick
- Getzel Berger
- Meron (Filmore-Kalev Short cut) **:10**
- Leipnik & Tevrya
- Bussines Center **:13**
- Israel Zupnick by Kahan **:15**
- Israel Zupnick by Acres
- Acres by Lemberg
- Acres by Krolla
- Mountain & Karlin
- Sasev & Volova **:18**
- Taitch
- Chevron (Aishes Chayil) (Drop Off) **:20**
- Nickelsburg & Tzfas
- Mezabish
- Krakow **:25**
- Ruzhin
- Mountain View
- Seven Springs
- D.A. Wieder **:30**
- Koznits by Schunnemunk
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center **:40**
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Forest by Acres
- Satmar by Krolla **:45**
- Satmar by Hayes
- I. Zupnick by G. Berger **:48**
- Getzel Berger
- Kahan by I. Zupnick
- Toltchav by Dinev **:00**

## WALMART ROUTE
### TOWN ROUTE

**The route operates Monday through Thursday:** from 10:00 AM until 7:15 PM
**Friday:** from 10:00 AM until 2:00 PM **Summer:** 3:00
**Sunday:** from 11:00 Am until 6:00 PM

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

### ODD HOURS
**11:00-1:00-3:00-5:00-7:00**

- Shopping Center **:00**
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Taylor by Boy's School (Drop Off)
- Hayes by Forest **:05**
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain
- Forest by Acres
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres **:08**
- Acres by Israel Zupnick
- Israel Zupnick by Kahan
- Girl's School-Bakertown
- Toltchav by Dinev **:13**
- Park & Ride **:15**
- Target **:18**
- Wal-Mart **:20**
- Spring St.
- Main by Franklin St.
- D.A. Wieder **:30**
- Schunnemunk
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center **:40**
- Seven Springs
- Mountain View
- Ruzhin
- Krakow
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas **:45**
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin
- Acres
- Acres & Lemberg **:48**
- Bakertown
- Toltchav by Dinev **:00**

### EVEN HOURS
**10:00-12:00-2:00-4:00-6:00**

- Toltchav by Dinev **:00**
- Israel Zupnick
- I. Zupnick by Kahan
- I. Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Krolla
- Acres by Forest
- Forest by Mountain **:05**
- Mountain & Karlin
- Sasev & Volova
- Taitch
- Chevron (Aishes Chayil)
- Nickelsburg & Tzfas
- Mezabish
- Krakow **:08**
- Ruzhin
- Mountain View
- Seven Springs
- Schunnemunk
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center **:15**
- Van Buren by Garfield
- Rimenev by Quickway
- Forest by Quickway
- Forest by Preshburg
- Forest by D.A. Wieder **:16**
- 17-M
- Lake Rd. (Drop Off)
- Stage Rd.
- Spring St.
- Target **:27**
- Wal-Mart **:30**
- Toltchav by Dinev (Drop Off)
- Meron-leipnik **:40**
- Kahan by Israel Zupnick **:45**
- Israel Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Krolla
- Acres by Forest **:50**
- Forest by Mountain
- Forest by Senior Citizens
- Shopping Center **:00**

## WOODBURY COMMON

**The route operates Monday through Thursday:**
from 9:15 AM until 6:20 PM

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

### ODD HOURS
**9:30-11:30-1:30-3:30-5:30**

- Shopping Center **:30**
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Hayes by Forest
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain **:35**
- Forest by Acres
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres
- Acres by Israel Zupnick
- Israel Zupnick by Getzel Berger
- Getzel Berger
- Getzel Berger by Kahan **:40**
- Girl's School - Israel Zupnick
- Toltchav by Dinev **:42**
- Bakertown
- Park & Ride
- Dundenberg
- Rt. 32 (Drop Off)
- **Woodbury Common** **:00**
  (Shortline Bus Stop) on the Even hours
- Dundenberg
- Spring St.
- Main St
- Franklin Av.
- D.A. Wieder **:11**
- Toby
- Mountain View
- Ruzhin
- Krakow
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas
- Chevron (Drop Off) **:15**
- Taitch
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin **:18**
- Forest
- Forest by Senior Citizens
- Shopping Center **:30**

### EVEN HOURS
**10:30-12:30-2:30-4:30**

- Shopping Center **:30**
- Forest by Quickway
- Forest by Preshburg
- D.A. Wieder **:31**
- Toby & Mountanview
- Ruzhin
- Krakow
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas **:35**
- Chevron (Aishes Chayil)
- Taitch
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin
- Forest by Acres **:38**
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres
- Acres by Israel Zupnick **:40**
- Israel Zupnick
- Kahan
- Meron (Filmore-Kalev Short cut)
- Leipnik & Teverya
- Park & Ride **:42**
- **Woodbury Common** **:00**
  (Shortline Bus Stop) on the Odd hours
- Dundenberg
- Park & Ride
- Lipnick & Teverya **:06**
- Meron (Filmore-Kalev Short cut)
- Kahan
- Israel Zupnick by Kahan
- Toltchav by Dinev **:10**
- Girl's School, Bakertown **:15**
- Israel Zupnick by Getzel Berger
- Acres by Israel Zupnick
- Satmar by Acres
- Satmar by Siget
- Satmar by Hayes
- Krolla by Satmar
- Forest by Acres
- Forest by Mountain **:18**
- Forest by Senior Citizens
- Shopping Center **:30**

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL
## TRANSPORTATION DEPARTMENT
# טיקעט אינפארמאציע

**מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען די חשוב'ע רייזענדע, אז מיר האבן צוגעשטעלט טיקעט ביכלעך פאר'ן באקוועמליכקייט פון די רייזנדע, וואס וועט ערמעגליכן צו באקומען בעסערע פרייזן, און נישט קיין חילוק וויפיל געלט איר האט וועט איר שטענדיג קענען באצאלן פאר א ביכל:**

**פאר $2**
באקומט איר טשעינדזש 50 צענט טיקעט, וואס איר קענט נוצן קומענדיגע מאל מיט א דאלאר.

**פאר $5**
באקומט איר א ביכל פון 3 טיקעטס און א 50 צענט טיקעט

**פאר $10**
באקומט איר 2 פון די $5 ביכלעך

**פאר $15**
באקומט איר א ביכל פון 11 טיקעט'ס. - ד.ה. אז איר באקומט איין טיקעט אומזינסט

**פאר $20**
באקומט איר א $15 ביכל מיט א $5 ביכל ד.ה. אז איר באקומט איין טיקעט אומזינסט

**פאר $30**
באקומט איר א ביכל פון 23 טיקעטס ד.ה. אז איר באקומט 3 טיקעטס אומזינסט




**קויפט א $30 ביכל**
און צאלט נאר
**$1.30 פער טיקעט**
$1.50 אנשטאט

אויב פארט איר קיין
**וואודבערי קאמען** אדער **וואל מארט**
דאן צאלט נאר
**$2.60** (2 טיקעט'ס)
$3 אנשטאט

**אכטונג!**
**מאכט זיכער אז איר באצאלט אייביג,**
**און איר בלייבט נישט שולדיג**
**און נישט מיט קיין קרעדיט**

מיט דאנק
**ווילידזש טראנספארטאציע דעפארטמענט**

# געדענקט:
**אז איר ווילט זיך שפארן $4.50,**
**קויפט די $30 ביכל,**
**וואו איר באקומט 3 טיקעטס אומזיסט.**

| וואודבארי-קאמען רוט/וואל-מארט רוט: |
|---|
| ערוואקסענע:........................ $3.00 |
| עלטערע/דיסעבעלד/מעדיקער באנוצערס און קינדער (פון 3 ביז 12): ........ $1.50 |
| קינדער אונטער 3 יאר........................ פריי |

| לאקעל רוט / טאון רוט: |
|---|
| ערוואקסענע:........................ $1.50 |
| עלטערע/דיסעבעלד/מעדיקער באנוצערס און קינדער (פון 3 ביז 12): ........ 75 סענט |
| קינדער אונטער 3 יאר........................ פריי |

**אכטונג!**
דער דרייווער האט נישט צו געבן קיין טשעינדזש פון קיין שום סכום, בלויז טיקעט.
די ביכלעך קענט איר אליינס נוצן אדער אוועקגעבן פאר א צווייטן, און ס'עקספייערט נישט.

אין חגאות, אדער אין א שלעכטע וועטער
רופט: 1-4-2 783-8300
פאר סקעדזשול טוישונגען

# מצילי אש אַגענטור אויסשטאַפירט מיט שפּאָגל נייעם 135 פיסיגן לייטער טראָק על כל צרה שלא תבוא

(פאַרזעצונג פון זייט 6)

קרית יואל, הויפּטזעכטליך מיט דעם ריזיגן לייטער וואָס קען גרייכן ביז אזוי לאנג ווי 136 פיס.

איבערצוגעבן פאר די ליינער אַ פּונקטליכן באַריכט איבער דעם נייעם פייער טראָק, האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אַ קורצן אינטערוויו מיט ר' יושע בלומענטאל, לייענט מיט אינטערעסע.

רעדאַקציע: אַ גוטן ר' יושע, וואָס האָט פּאַסירט אַז מען האָט געדאַרפט קויפן אַ נייעם פייערלעשער טראָק?

ר' יושע: דער נויט איז געקומען פלוצים, עס איז געווען ווען דער לייטער פייערלעשער טראָק איז אַראָפּגעברענגט געוואָרן ביי אַ שריפה סצענע צו לעשן אַ העלישן געביידע פייער, ווען פלוצים האָט דער הויפּט וואַסער פייפּ אינעם טראָק געקראַכט, און דאָס האָט געמיינט אַז דער גאַנצער וואַסער פּאָמפּינג סיסטעם פונעם טראָק איז חרוב געגאַנגען.

אויך אין די זעלבע צייט, איז צוליב דעם וואַסער שאָדן אינערליך אינעם טראָק חרוב געגאַנגען דער גאַנצער קאָמפּיוטער און עלעקטראָניקס סיסטעם וואָס קאָנטראָלירט די אַלע פונקציעס פונעם טראָק, אַזוי אַז דער גאַנצער טראָק מיט אַלע אירע קלאַפּער-צייג זענען געוואָרן אומבאַנוצבאַר.

פראַגע: ווען האָט דאָס פּאַסירט?

ענטפער: עס האָט פּאַסירט טאַקע אין די ערגסטע צייט, עס איז געווען ביים פייער אָנהויב ווינטער אויף ביוקענען קאָורט, מען האָט אַראָפּגעברענגט דעם לייטער פייערלעשער טראָק כדי צו פאַרלעשן די שריפה, עס איז געווען בלויז צען מינוט אַריין אין די אַרבעט, ווען פלוצים האָט דער פּאַנטשער פּאַסירט, און דער טראָק - וועלכע איז שוין געשטאַנען אויסגעצויגן מיט'ן הויכן לייטער און די צוויי מצילי אש וואָלונטירן דערויף ביי די אַרבעט - האָט איינפאַך אויפגעהערט פונקציאָנירן.

דאָס האָט געמאַכט אַז סיי דער וואַסער שפּריצן סיסטעם און סיי דער עלעקטראָנישער סיסטעם וואָס קאָנטראָלירט דעם לייטער האָבן אויפגעהערט פונקציאָנירן, און דאָס אַלעס בשעת די פלאַמען זענען געשפּרונגען העכער, פאַרצוקנדיג מער און מער פון די געביידע און האָבן באַדראָעט די אַרומיגע הייזער.

פראַגע: וואָס האָט מען געטאָן?

ענטפער: מיר האָבן גלייך אַריינגערופן מיוטשעל-עיד הילף פון די אַרומיגע פייער דעפּאַרטמענטס, און זיי האָבן געברענגט אַן אַנדערן לייטער טראָק, דאָס האָט אָבער געמיינט אַז במשך אַ דרייפערטל שעה האָט מען נישט געקענט געהעריג לעשן דעם פייער, און דערפאַר איז אַ קליין פייערל, וואָס מען וואָלט גרינג געקענט לעשן, פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין אַ ריזיגן פייער וואָס האָט פאַרניכטעט די גאַנצע דריי-שטאָקיגע געביידע.

פראַגע: וואָס איז געוואָרן מיט די געשטראַנדעטע פייערלעשער לייט אויפ'ן שפּיץ לייטער?

ענטפער: זיי זענען אַראָפּגעקומען, זיי זענען נישט געבליבן אויבן. וויאַזוי? עס איז דאָ אַ מענועל בעק-אַפּ אַראָפּצוברענגען דעם לייטער, און אויך איז דאָ טרעפּלעך אויפ'ן גאַנצן לייטער אַזוי אַז מען קען אַראָפּקריכן אין פאַל פון נויט.

פראַגע: ווי אַלט איז דער לייטער פייערלעשער טראָק געווען?

ענטפער: דער געוועזענער לייטער פייערלעשער טראָק איז געווען גאַנץ אַלט, דאָס ערשטע וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, שוין ביים אָנקומען צו די מצילי אש דעפּאַרטמענט איז דאָס געווען 27 יאָר אַלט און ביי מצילי אש האָט דאָס געדינט צען יאָר.

פראַגע: וואו קויפט מען אַ נייעם טראָק, און וויפיל קאָסט דאָס?

ענטפער: אַ שפּאָגל נייעם לייטער פייערלעשער טראָק קאָסט אריבער אַ מיליאָן דאָלאַר, אַ גענוצטע פון 30 יאָר אַלט קאָסט בלויז $25,000-30,000 געווענליך קויפט אַ פייערלעשער דעפּאַרטמענט אַ גענוצטן טראָק, נאָר די גאָר רייכע סיטי פייער דעפּאַרטמענטס קענען זיך ערלויבן אַ שפּאָגל נייעם טראָק, אָבער אַ גענוצטע פייער טראָק איז פיין, אַזאַ טראָק ציעט אָן לאַנגע יאָרן, עס איז געבויעט גאָר דויערהאַפטיג, סיי דער סטרוקטשור און סיי די מאַשינערי.

פראַגע: וויאַזוי איז צוגעגאַנגען דאָס קויפן דעם נייעם לייטער פייערלעשער טראָק?

ענטפער: דאָס נישט האָבן אַ לייטער טראָק איז באַלדיג געווען אַן עמוירדזשענסי, אַזאַ שטאָט ווי קרית יואל האָט נישט געקענט זיין איין טאָג אָן אַ לייטער פייערלעשער טראָק, מיר האָבן גלייך אַראַנדזשירט צו קענען אין אַ נויטפאַל באַקומען אַ לייטער פייערלעשער טראָק פון די אַרומיגע פייער דעפּאַרטמענטס.

נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן די שווערע אַרבעט פון זוכן אַ נייעם לייטער פייערלעשער טראָק, מיר האָבן גערעדט מיט דילערס און ערפאַרענע פייער שעפן, און דער באַשלוס איז געפאַלן צו קויפן אָט דעם טראָק, וועלכע איז גוט אויסגעשטאַט, פיל נייערער, מאַכטפולער, און איז געווען צו באַקומען פאַר אַ גוטן פרייז.

פראַגע: פון וואו קומט דער טראָק?

ענטפער: דער טראָק האָט ביז יעצט געדינט פאַר'ן פייער דעפּאַרטמענט פונעם נאַקסוויל-אָהייאָ לופטפעלד אין סינסינעטי, אָהייאָ. אָט האָב איך נאָך אַ צייטונג אויסשניט וואָס מעלדעט מיט פרייד אין 93' ווען דער טראָק איז דאָרטן אָנגעקומען.

פראַגע: מיט וואָס איז דאָס בעסער ווי דעם פריערדיגן?

ענטפער: די הויפּט מעלה דערפון איז, אז דער טראָק האָט אַ לענגערן לייטער, עס איז 136 פיס לאנג, ד.מ. אַז עס דערגרייכט גאר הויעך ווען מען דארף שטיין פונדערווייטנס פון א ברענענדיגן בילדינג, אזוי אויך ביי זייער אסאך בילדינגס קען מען נישט צוקומען צו אלע זייטן ארום דעם בילדינג נאר מיט גאר א לאנגן לייטער, אויך קען דאָס פּאָמפּן וואַסער ביי אַ ראַטע פון 2,000 גאַלאָנען אַ מינוט קעגן 1,500 גאַלאָנען אַ מינוט פונעם אַמאָליגן טראָק.

פראַגע: וואָס וועט ווערן מיט'ן אַמאָליגן טראָק?

ענטפער: דאָס ווענדט זיך אינעם אינשורענס פירמע, יעצט איז דער טראָק ביי אַ מעכאַניקער וואָס אונטערזוכט דאָס און דאַרף אָפּשאַצן צי עס לוינט בכלל צו פאַרריכטן. נעמט אין אַכט, עס איז אַן אַלטער טראָק און סיי איר וואַסער סיסטעם און סיי איר עלעקטראָנישער סיסטעם זענען גענצליך קאַליע געגאַנגען, ווי עס שיינט איז דאָס שוין ווערד בלויז פאַר איר אייזן ברוכוואַרג.

פראַגע: וואָס איז דער סיסטעם פון אַריינברענגען דעם נייעם לייטער פייערלעשער טראָק אין דינסט?

ענטפער: די ערשטע זאַך איז אויסקליידן דעם טראָק, עס אויסשטאַטן מיט די אַלערליי כלים. ווען מען קויפט אַ טראָק קומט דאָס ליידיג, אָן קיין איבריגן שרויפל, בלויז דער טראָק אַליינס. יעצט דאַרף מען אַריבערלייגן אַלע ערליי כלים פונעם אַלטן טראָק צום נייעם טראָק, דאָס נעמט אַריין די אַלערליי פייפּס און אַלע צוגאַבליכע כלים.

דערנאָך קומט די מסכתא פון טרענירונגען, מען דאַרף יעדן מצילי אש מיטגליד טרענירן אויפ'ן נייעם טראָק, דאָס נעמט אויך צייט, מען קען דאָס נישט טאָן גרופּעסווייז, יעדער מיטגליד מוז באַקומען אַן אינדיווידועלע טרענירונג וויאַזוי זיך אומצוגיין מיט'ן טראָק. ערשט נאָכדעם וואָס יעדער האָט באַקומען אַן אינדיווידועלע סעסיע, קען מען מאַכן גרופּעס-ווייז טרענירונגען. דאָס אַלעס וואָס מיר האָבן אויסגערעכנט נעמט 4-6 וואָכן.

פראַגע: אַזוי? יעדער מצילי אש מיטגליד איז פעאיג צו דינען אויפ'ן לייטער טראָק און דרייוון דעם מאַנסטער?

ענטפער: דרייוון? דאָס נישט, דאָס איז בלויז געצוימט צו אַן ענגע גרופּע פון 7-8 וואָלונטירן וואָס זענען דעזיגנירט אַלס דרייווער, וואָרום דרייוון אַזאַ טראָק איז אַ פאַך פאַר זיך.

אָבער אויפ'ן געביט פון אַפּערירן דעם טראָק ווען עס איז ביי אַ פייער סצענע דאַרף דאָס יעדער איינער קענען, די פּאַליסי ביי מצילי אש איז אז יעדער איינציגער מיטגליד דאַרף זיך אויסקענען מיט אַלעס און קענען נוצן יעדן טראָק און יעדן עקוויפּמענט וואס מען פאַרמאָגט, כדי עס זאָל קיינמאָל נישט זיין אפילו אַ סעקונדע אַן אויפהאַלט ווען עס קומט צו הצלת נפשות און צו ראַטעווען אידישע פאַרמעגנס.

פראַגע: אַצינדער, וויאַזוי קוקט אויס די פלאָטע פון די מצילי אש פייער דעפּאַרטמענט?

ענטפער: דער מצילי אש פייער דעפּאַרטמענט



דער נייער 135 פיסיגן לייטער טראָק

# לאָמפּ פייער שאַפט היסטעריע אין געפּאַקטע אַפּאַרטמענט געביידע

קרית יואל. - ווידעראַמאָל האָט די מצילי אש פייער דעפּאַרטמענט באַוויזן אָפּצוראַטעווען אַ גאַנצן אַפּאַרטמענט היים פון אויפגיין אין פלאַמען.

די געשיכטע האָט פּאַסירט עטליכע וואָכן צוריק, אין די פאַרנאַכטס שעה'ן, ווען די מצילי אש וואָלונטירן זענען אַרויסגערופן געוואָרן צו אַ פייער אין אַ געדיכט-באַוואוינטע אַפּאַרטמענט געביידע אויף איינע פון די גאַסן פון די שטאָט.

די וואָלונטירן וואָס זענען אָנגעקומען צום אָרט זענען דערשטוינט געווען צו זען דעם בילד, דער אַפּאַרטמענט געביידע האָט עטליכע הויפּט טויערן איינע נעבן צווייטן וואָס פירן צו די איבער 24 אַפּאַרטמענטס אין די געביידע, און פון אַלע זייטן זענען מענטשן געקומען היסטעריש אַרויסצולויפן פון די היימען שרייענדיג מיט קולי קולות אַז עס ברענט אַ שריפה, דער פּאַניק און שרעק איז געווען גאָר גרויס, עס זענען געלאָפן מענער פרויען און קליינע קינדער, ווי עפּעס אַן אומזעעבאַרער שונא יאָגט זיי נאָך.

קוים קוים האָבן די מצילי אש וואָלונטירן באַוויזן אַרויסצובאַקומען פון די פאַרפּאַניקטע ארויסלויפער וואו עס ברענט, ענדליך האָט מען זיי צוגעוויזן צום ריכטיגן אַפּאַרטמענט.

דער איינוואוינער האָט ביים ארויסלויפן פון די היים אָפּגעהאַקט אַלע עלעקטערישע ברעיקערס, און עס איז געוואָרן פינסטער, אַזוי אַז עס איז שווער געווען צו זען וואו עס ברענט. אין די זעלבע צייט איז דער פּאַניק און היסטעריע געוואַקסן איבעראָל, און עס איז באַגלייט געוואָרן דורך די פייפעריייען פון די אַלאַרמען.

נאָכפּאָלגנדיג דעם שיין פון די פלעמעלעך און דעם גערוך פון רויך האָבן די מצילי אש וואָלונטירן באַוויזן אָנצוקומען צום צימער וואו עס האָט געברענט, עס האָט זיך אַנטפּלעקט אַ בילד: דער צימער האָט געהאַט אַ דעקאָראַטיוון לייט פיקסטשור וואָס האָט געהאָנגען פון דאַך, יעדער באָלב האָט געהאַט אויף זיך אַ קליינעם לאָמפּ-שעיד.

וואָס האָט פּאַסירט? עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דער היים אייגענטומער האָט אויף איינע פון די לאָמפּן גענוצט אַ צו שטאַרקן באָלב און עס האָט אונטערגעצונדן דעם אינדיווידועלן לאָמפּ שעיד אויף דעם באָלב.

דער שעיד האָט שוין געפלאַקערט און אַרויסגעגעבן אַ רויך און טראָפּנס פלאַמען זענען אויך אַראָפּגעפאַלן אויפ'ן מאַטראַץ אונטער דעם, און עס האָט שיעור געהאַלטן דערביי אַז דער גאַנצער מאַטראַץ זאָל זיך אונטערצינדן און פון דאָרטן ביז אַן אָפּגעברענטע דירה אָדער עטליכע דירות איז נישט געווען צו ווייט.

ווי פאַרשטענדליך האָבן די מצילי אש וואָלונטירן שנעל פאַרלאָשן די שריפה און פאַרזיכערט דעם צושטאַנד, און די איינוואוינער האָבן געקענט רואיג צוריקגיין צו די דירות און מען איז אָפּגעקומען מיט שרעק.

די לעקציע איז אָבער געבליבן טיף איינגעבאַקן אין די ביינער, אַז ביי יעדן לאָמפּ און לייט פיקסטשור דאַרף מען אָפּליינען דעם לעיבל נעבן דעם פלאַץ וואו מען שרויפט אַריין די בירנע וואָס מעלדעט וואספארא סאָרט באָלבס מען מעג נוצן, און מען קען נישט נוצן קיין 100'טער אָדער 60'ער באָלבס אין אַזעלכע פיקסטשורס, און אויך קען מען נישט נוצן אַ קאָמפּאַקט פלאָורעסענט באָלב וואָס איז געמאַכט צו נוצן פריי, אין אַ פאַרמאַכטן פיקסטשור.

די איינוואוינער האָבן אָפּגעגעבן אַ דאַנק פאַר'ן רבונו של עולם אַז מען האָט די געטרייע מצילי אש וואָלונטירן וואָס זענען אַלץ גרייט בליץ שנעל צו רעאַגירן צו שריפות און פאַרמיידן שאָדנס, און מען האָט זיך נישט געוואָלט פאָרשטעלן וויאַזוי עס וואָלט אויסקוקט ווען מען דאַרף וואַרטן א האלבע שעה ווילאַנג עס נעמט פאַר די מאַמבאַשאַ פייערלעשער אָנצוקומען.

# מצילי אש טעטיג אויסצולעשן העלישע שריפה ביי געביידע אין שטאָט

אַ העלישע שריפה איז פּאַר עטליכע וואָכן צוריק פּאָרגעקומען וועלכע האָט פאַרניכטעט אַ גאַנצע געביידע אויף ביוקענען קאָורט.

די געשיכטע האָט פּאַסירט אנהויב דעם ווינטער סעזאָן, עס איז געווען אין אַ שיינעם העלן טאָג, אַרום נאָך 6:00 נאָכמיטאָג, ווען א פייערל האָט אויסגעבראָכן אין די דריי שטאָקיגע היים. די מצילי אש איז גלייך אַרויסגערופן געוואָרן, פון אָנהויב האָט דאָס אויסגעזען ווי אַ קליינע שריפה וואָס מען וועט גלייך קענען פאַרלעשן, און מען האָט גענומען אויפשטעלן דעם לייטער טראָק און אָרגאַניזירן די פייער-לעשן אַפּעראַציע.

עס איז געווען בלויז צען מינוט נאָכ'ן אָנקומען אויפ'ן רוף, ווען דער פייער האָט שוין געברענט שטאַרקער, ווען עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ פּאַנטשער וואָס האָט געברענגט אַז דער פייער איז אַרויס פון קאָנטראָל.

נעמליך: דער לייטער טראָק איז שוין געווען אויסגעצויגן און די מצילי אש פייערלעשער זענען שוין געווען גרייט צו שפּריצן גאַלאָנען וואַסער אויפ'ן שריפה, ווען פלוצים האָט זיך דער הויפּט וואַסער פּייפּ אינעם לייטער טראָק צעבראָכן און עס האָט אויך רואינירט דעם גאַנצן קאָמפּיוטער קאָנטראָל סיסטעם פונעם ריזיגן פייערלעשער לייטער טראָק.

דאָס האָט געמיינט אַז סיי מען האָט נישט געקענט שפּריצן וואַסער אויפ'ן פייער און סיי אַז מען האָט נישט געקענט רירן דעם לייטער, מען איז פלוצים געבליבן אָן דעם וויכטיגסטן געצייג צו לעשן דעם פייער, און אויך האָט מען זיך געדאַרפט ספּראַווען מיט'ן פּראָבלעם פון די צוויי מצילי אש פייערלעשער וועלכע זענען געבליבן שטיין אויפ'ן אומפונקציאָנירנדן לייטער און מען האָט זיי געדאַרפט אַראָפּברענגען.

די מצילי אש פירער האָבן גלייך אַרויסגעגעבן אַ רוף פּאַר מיוטשעל-עיד און עס זענען געקומען צו פאָרן די פייערלעשער טראָקס פון די אַרומיגע געגענטן, אָבער עס האָט גענומען 20 מינוט ביז זיי זענען אָנגעקומען, און נאָך טייערע מינוטן ביז זיי זענען געווען מסודר און גרייט צום שפּריצן. די אונטערשטע שורה דערפון איז געווען אַז מען האָט פאַרפּאַסט אַ דריי-פערטל שעה צייט וואָס מען האָט נישט געקענט זיך ספּראַווען געהעריג מיט'ן שריפה.

אַ שריפה דאָפּעלט זיך יעדע מינוט וואָס עס ברענט אַרויס פון קאָנטראָל און דערפאַר איז פון אַ קליינעם פייערל וואָס האָט זיך אָנגעצינדן ביים רעכטן זייט פון די געביידע (צווישן דעם הויז און דעם אַנדערן הויז אויף ביוקענען קאָורט), איז געוואָרן אַ ריזיגן פייער וואָס האָט פאַרצוקט די גאַנצע געביידע און האָט דאָס טאָטאַל רואינירט.

אויך איז גלייך ביים אָנהויב פונעם שפּריצן האָט מען געמוזט דאָס אָפּשטעלן נאָכ'ן הערן אַז עמיצער געפינט זיך נאָך אין די היים, עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז ביים לינקן זייט פון די היים איז געווען צוגעבויעט אַן אַפּאַרטמענט וואו עס האָט געוואוינט עמיצער וועמען מען האָט געמוזט אַרויסראַטעווען.

טראָצדעם וואָס מען האָט נישט געקענט אָפּראַטעווען דעם סטרוקטשור פונעם הויז, האָט די מצילי אש פייער דעפּאַרטמענט שווער געאַרבעט אַז די שריפה זאָל זיך נישט פאַרשפּרייטן צו די אַרומיגע הייזער, און מען האָט כסדר געשפּריצט וואַסער אויפ'ן בוים צווישן די ברענענדיגע היים און די אַנדערע און פאַרזיכערט אַז דער שריפה כאַפּט זיך נישט אַריבער.

ווען דער פייער איז שוין געווען פאַרלאָשן און די גוי'אישע פייערלעשער דעפּאַרטמענט האָבן זיך צוזאַמגעפּאַקט די קלאַפּער-געצייג און אַהיימגעגאַנגען, איז די מצילי אש פייער דעפּאַרטמענט נאָכנישט געווען פאַרטיג, מען לאָזט נישט אַזאַ מסוכנ'דיגע סיטואַציע אויף הפקר.

די ערפאַרענע מצילי אש פייער וואָלונטירן האָבן פאַרשטאַנען אַז אינעם געביידע געפינען זיך נאָך פילע הייסע ערטער וואָס קענען פריש אויפפלאַמען, און מען האָט אַראָפּגעשטעלט אַ וואַך אויף אַ גאַנצע נאַכט אין וועלכע וואָלונטירן זענען געזיצן אין די קאַרס אינדרויסן פון דעם הויז היים און אַכטונג געגעבן אַז עס זאָל נישט פריש אָנהויבן ברענען, און טאַקע צוויי מאָל אינמיטן די נאַכט האָט מען געמוזט פריש שפּריצן וואַסער נאָכדעם וואָס עס האָט אָנגעהויבן ברענען ביי פאַרשידענע ווינקלען פון די געביידע.

דעם קומענדיגן טאָג האָט די מצילי אש פייער דעפּאַרטמענט אויך געהאַט אַרבעט, וואָרום די אָראַנדזש קאַונטי פייער אויספאָרשער האָבן געשיקט דעם קאַיס צו ניו יאָרק סטעיט וועלכע האָט אַראָפּגעשיקט אירע אייגענע פייער אויספאָרשער דאָ אויפ'ן פּלאַץ.

די אויספאָרשער האָבן פאַרברענגט דעם גאַנצן טאָג נישטערן און גריבלען אין די פאַרברענטע ברוכוואַרג, און האָבן דורכגעפירט אַלערליי אויספאָרשונגען און אפילו גענוצט שמעק-הונט צו טרעפן צי דער פייער איז נישט אונטערגעצינדן געוואָרן דורך צינד-שטאָף, און ווי פארשטענדליך האָבן די מצילי אש פייער באַאַמטע געמוזט זיין גרייט צו ענטפערן פראַגן.





שטייענדיג און באַאַבאַכטנדיג די שריפה האָט מען געקענט הערן ווי מאנכע באַהויפּטן מיט אַ זיכערהייט אַז דאס הויז, וועלכע איז געשטאַנען ליידיג שוין אַ לענגערע צייט, איז אונטערגעצינדן געוואָרן דורך די מצילי אש פייער דעפּאַרטמענט כדי זיך צו טרענירן דערויף.

ווי פאַרשטענדליך איז איבריג אָפּצואווענדן די קאָנספּיראַטאָרישע באַהויפּטונגען פון יונגלעך, אָבער דאָך כדי עס זאָל נישט נעסטעווען אַזאַ געדאַנק אפילו פאר קיין ספק ספיקא, איז וויכטיג אָנצואווייזן עטליכע פונקטן.

מצילי אש צינדט קיינמאָל נישט אונטער קיין געביידעס זיך צו לערנען דערויף וויאַזוי צו לעשן פייערן, עס איז אומלעגאַל אונטערצוצינדן אַ דירה אין אַ באַוואוינטן אָרט, און עס איז איז אַ האַרבער פאַרברעכן און איז אויך אסור על פי תורה.

קיין שום פייער דעפּאַרטמענט דאַרף נישט צוקומען צו אַזעלכע ריזיקאלישע שטיק כדי זיך צו טרענירן, עס איז איבעראָל דאָ העכסט סאָפיסטיקירטע טרענירונג צענטערן וואו מען פירט דורך די סאָרט טרענירונגען אויף אַ פאַרזיכערטן פארנעם. די מצילי אש וואָלונטירן זענען גוט טרענירט און טרענירן זיך כסדר אינעם אָראַנדזש קאַונטי פייער טרענירונג אַקאַדעמיע, און זענען ברוך השם געשולט זיך צו באַפּאַסן מיט סיי וואספארא עמוירדזשענסי אָפּצוראַטעווען אידישע נפשות און פאַרמעגנס.

צום שלוס, זיי זענען די לעשער און נישט די צינדער.



# חברים מיטגלידער באַרוישט פון האַרציגע מסיבת הכרת הטוב נאָך האָריקעין סענדי

## געסט פון פאַר-ראַקעווי איבערראַשן די חברים מיטגלידער מיט זייער ערשיינונג

קרית יואל. - פאַרגאַנגענעם וואָך דאָנערשטאָג איז פאָרגעקומען אַן איינדרוקספולע מסיבת הכרת הטוב פאַר די אַלע חברים מיטגלידער אינעם זאַל פון המספיק טערעס, וואו די חברים מיטגלידער האָבן זיך מחי' געווען מיט עטליכע שעה'ן של קורת רוח הערנדיג אינספירירנדע דרשות און פאַרברענגענדיג געשמאַק און ליבליך מיט די גוטע אין די הייליגע אָרגאַניזאַציע חברים.

דער הכרת הטוב מסיבה איז שוין געווען לאַנג געפלאַנט, אָבער איז געווען אַ דבר בעתו האַלטנדיג ממש נאָך דעם האָריקעין סענדי, פון וועלכע קרית יואל האָט שווער געליטן, האַלב פון די שטאָט האָט נישט געהאַט קיין עלעקטעריק פאַר נאָנט צו אַ וואָך צייט און אידן זענען געווען בצר ובמצוק אויף אַן אויסטערלישן פאַרנעם, וואָס דאַן האָט די חברים אָרגאַניזאַציע געשיינט מיט איר פולסטער פראַכט.

די חברים מיטגלידער האָבן געאַרבעט מיט מסירת נפש און מיט אַ שטוינענדע איבערגעגעבנהייט 24 שעה אין אַ ציה, פונעם אָנפאַנג פון האָריקעין סענדי ביז נאָכדעם וואָס די עלעקטריציטעט איז צוריקגעקומען אין קרית יואל, און האָבן געהאָלפן אידן אויף אַלע ערליי אופנים.

דער הכרת הטוב מסיבה ווערט יערליך דורכגעפירט אויסצודרוקן אַן הכרת הטוב פאַר די חברים מיטגלידער וואָס גיבן זיך כסדר איבער בלב ונפש חפיצה, צופרי און ביינאַכט און ווען נישט, מען רייסט זיך אַוועק פון די אייגענע צייט און מען גייט אַרויס אין די היצן און די קעלטן העלפן אידן.

ביים מסיבה איז סערווירט געוואָרן אַ רייכע סעודה וואָס איז פראָפעסיאָנאַל און געשמאַק אַהערגעשטעלט געוואָרן דורך די באַרימטע "איצקאָוויטש קעיטערינג פירמע" וועלכע האָט אַראָפּגעלייגט אַ מייסטערהאַפטע אַרבעט, און עס איז געווען אַ סעודה צום געדענקען, כשלמה המלך בשעתו.

דער פראָגראַם איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דעם אַלעמען באַקאַנטן משמח אלקים ואנשים, הרה"ח ר' הערשל פריעדמאַן הי"ו, וועלכער האָט איינגעלייטעט דעם מסיבה מיט פאַסיגע ווערטער און בליציגע געדאַנקען כדרכו, וואָס האָבן שטאַרק אויסגענומען ביי די פאַרזאַמלטע.

דערנאָך האָט מען געהערט אַ גאָר אינהאַלטסרייכע דרשה פון איינעם פון די לאַנגיאָריגע שרי העסקנים אין ניו יאָרק סטעיט, הרב בעריש פריי ליך הי"ו, וועלכער העלפט אַרויס אַ גאַנץ יאָר די חברים אָרגאַניזאַציע ווען עס פעלט נאָר אויס שתדלנות אין די העכערע פענסטער און ביי די סטעיט פּאָליצי באַאַמטע.

ר' בעריש איז ענטוזיאַסטיש אויפגענומען געוואָרן דורך די פאַרזאַמלטע חברים מיטגלידער וועלכע זענען מיט אים גוט באַקאַנט און שעצן זיינע געוואַלדיגע פעולות, ר' בעריש איז אויך געווען גאָר צופרידן צו קענען זיין אינעם אָנוועזנהייט פון אַזעלכע חשוב'ע יונגעלייט.

ר' בעריש האָט געהאַלטן אַ פייערדיגע רעדע, וואו ער האָט אַרויסגעברענגט דעם געוואַלדיגן חשיבות פון די פעולות חובקות זרועות עולם וואָס די חברים מיטגלידער טוען.

ר'בעריש האָט אויך אַרויסגעברענגט דעם געוואַלדיגן שעצונג וואָס די רעגירונג אינסטאַנצן און די גוי'אישע באַאַמטע, סיי אין די סטעיט פּאָליציי און סיי אין אַנדערע אַגענטורן האָבן פאַר די חברים פון קרית יואל אָרגאַניזאַציע, זאָגנדיג אַז ער האָט פאַר'ן קומען צום מסיבה געפרעגט די באַאַמטע צי זיי האָבן עפּעס איבערצוגעבן אַ מעסעדזש פאַר די חברים מיטגלידער, איבער עפּעס וואָס מען קען זיך בעסערן אָדער זיין מער פאָרזיכטיגער.

"גיב זיי איבער", האָט דער באַאַמטער געענטפערט פאַר ר' בעריש, "אַז איך האָב גאָרנישט שלעכטס צו זאָגן, איך קען זיי שוין יאָרן, זיי זענען אַ פּערפעקטע און חשוב'ע אָרגאַניזאַציע און איך קען נאָר זאָגן אַז זיי זענען 'סאַמטינג ספּעשל'!! נישטאָ עפּעס נעגאַטיוו וואָס צו זאָגן". ר' בעריש האָט אַרויסגעברענגט אַז דאָס איז אַ געוואַלדיגער קידוש השם.

ר' בעריש האָט אויך פּריוואַט אַרויסגעברענגט זיינע געפילן צו איינע פון די חברים מיטגלידער, זאָגנדיג אַז אַלס אַ דרויסנדיגער איז ער מלא התפעלות פון דעם קוואַליטעט פון די חשוב'ע חברים מיטגלידער, זייער ערליכקייט, איידעלע באַנעמונג, און חסיד'ישע ערנסטע אויפפירונג, און דעם דרך ארץ מיט וואָס זיי באַגייען זיך צו עלטערע פון זיי, מיט וואָס חברים פון קרית יואל איז ממש אַ שטאָלץ און מען זעט דאָס נישט אין ערגעץ אַנדערש.

נאָכ'ן דערקוויקט ווערן מיט די דרשה פון ר' בעריש פריי ליך, איז געקומען אַ סורפּרייז, ווען אַ גרופּע עסקנים פון די ווייטע פאַר-ראַקעווי זענען פּלוצים געקומען אַריינשפּאַצירן אין זאַל אָפּצוגעבן זייער האַרציגן הכרות הטוב פאַר די חברים אָרגאַניזאַציע, וועמענס מיטגלידער זענען אין די טעג נאָך האָריקעין סענדי געווען טעגליך אין פאַר-ראַקעווי און מען האָט געהאָלפן פרעמדע אידן מיט כל-ערליי הילף ווי דאָס האנדלעט זיך ווען פון אייגענע ברודער.

די קבוצה איז געקומען אין שפּיץ פון זייער רב, הרב פויער שליט"א, וועלכער האָט ביים אָנקומען אָפּגעשטאַט אַ באַזוך ביי כ"ק אדמו"ר שליט"א און האָט אַרויסגעברענגט זיינע געוואַלדיגע הכרות הטוב געפילן צו די קרית יואל חברים אָרגאַניזאַציע וואס זענען אַזוי אומגערישט זיי געקומען העלפן אין זייער צייט פון נויט.

דערנאָך זענען זיי אַריבערגעקומען צום מסיבת הכרות הטוב וואו זיי זענען פייערליך אויפגענומען געוואָרן, די פאַר-ראקאָוועי געסט האָבן זיך האַרציג באַדאַנקט פאַר די חברים מיטגלידער און האָבן געזאָגט אַז אפילו יעצט וואָכן נאָך האָריקעין סענדי קען מען זיך ביי זיי נאָכנישט איבערקומען אויף די געוואַלדיגע געטרייע אַרבעט וואָס די סאַטמאַרער יונגעלייט פון קרית יואל האָבן אָפּגעראָכטן דאָרטן אינעם ווייטן פאַר-ראַקאַוועי, און עמיצער האָט זיך פאַסיג אויסגעדרוקט אַז עס איז געווען האָריקעין סענדי און האָריקעין סאַטמאַר אינאיינעם.

הרב פויער שליט"אַ האָט אויך אויסגעדרוקט זיין איבערראַשונג זאָגנדיג אַז ער האָט קיינמאָל נישט געוואסט ווי ווייט קרית יואל איז פון פאַר-ראַקאַוועי, און איז ערשטוינט געוואָרן ביים אַרויספאָרן צום מסיבה און זען אַז דער וועג נעמט אַזוי לאַנג און מען פאָרט און מען פאָרט אַזוי אָן אויפהער... און האָט זיך מתבונן געווען אַז אָט דעם שווערן וועג האָבן די חברים מיטגלידער פון קרית יואל געמאַכט טאָג טעגליך אין לויף פון איינס און אַ האַלב וואָך וואָס זיי זענען טעגליך געקומען צו הילף פאַר פאַר-ראַקאַוועי איינוואוינער.

ביי די מסיבה האָט מען צווישן אַנדערן איבערגעגעבן דעם פּרס הכרת הטוב פאר די עלטסטע פון די חברים מעמבערס, עטליכע עסקנים וועלכע זענען שוין זינט דאָס התייסדות פון חברים פון די געטרייעסטע וואָלונטירן, און זענען שוין יאָרן לאַנג, נאָך פאַר'ן התייסדות פון חברים, א מוסטער מיט זייער עסקנות לטובת הציבור, ה"ה: מוה"ר שאול פיש הי"ו, מוה"ר אברהם יושע גפן הי"ו, מוה"ר יעקב קאָהן הי"ו, מוה"ר יחזקאל הכהן כ"ץ הי"ו, און מוה"ר אהרן זאב שפּיטצער הי"ו.

דער הויכפּונקט פון די מסיבה איז געווען די דרשה נפלאה וואָס עס האָט משמיע געווען הרה"ג פה מפיק מרגליות רבי בערל טויבער שליט"א ר"מ בישיבת אור תורה, וועלכער האָט געהאַלטן די חברים אַראָפּגענאָגעלט צו די ערטער, אַרויסברענגענדיג דאָס חשיבות פון טון חסד און דעם אונטערשייד פון חסד וואָס ווערט געטאָן דורך די גוי'אישע אָרגאַניזאַציעס און ווי ווען אַ איד טוט דאָס, וואָס די משתתפים האָבן געשלונגען מיט גרויס דורשט און עס האָט זיי איבערגעלאָזט מיט שטאַרקע באַלערנונגען.




ביי די מסיבת הכרת הטוב - אויך ווערט געזען די געסט פון פאראקאווי

# חברים: אין פאל פון א שניי, העלפט אונז דורך זיצן אין שטוב

קרית יואל. - די חברים אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעגעבן אַ רוף פאַר די איינוואוינער צו פאַרגרינגערן די אַרבעט פאַר די איבער 80 חברים וואָלונטירן און אַרויסהעלפן די אָרגאַניזאַציע דורך אַ פשוט'ע זאַך, נעמליך: "זיצן אין שטוב".

דאָס מיינען מיר ווי פאָלגענד, עס מאַכט זיך גאַנץ אָפט ווינטער, אַז עס קומט אַראָפּ אַ שניי, און ווען עס שנייט זענען דא מאָטאָריסטן וואס באַקומען אַ דראַנג זיך אַרויסצולאָזן אויפ'ן שאָסיי, מען נעמט זיך פאָרן און מען בלייבט שטעקן און עס ווערט אַ כאַאָס.

עס נעמט נישט לאַנג נאָכ'ן אָנהויב פון אַ שניי שטורעם און די דיספּעטשינג ליינס פון די חברים אָרגאַניזאַציע ווערן פאַרפלייצט מיט צענדליגער רופן פון מענטשן וועלכע רופן פאַר הילף אַז זיי זענען געשטראַנדעט אין די שנייען, און ווי יעדער פאַרשטייט איז פשוט אוממעגליך צו העלפן אַזויפיל מענטשן.

אָט אַזאַ שפּיל קען זיך אַריינציען אין סכנות נפשות, צב"ש אַז מען לאָזט זיך אַרויס מיט די פאַמיליע אויפ'ן פאַרשנייטן שאָסיי און מען בלייבט שטעקן אין אַ גרוב, און דאָ לויפט אויס די גאַזאָלין און מען קען נישט הייצן די קאַר.

דאָס קומט ווייל מענטשן שאַצן זיך איבער און שאַצן אונטער דעם פּראָבלעם פון אַ פאַרשנייטן שאָסיי, מען שטעלט זיך דערמיט אַרויס צו עגמת נפש, שאָדנס, און מעגליך אַרגערס, און עס וועט קענען זיין אַז מען וועט די מענטשן נישט קענען העלפן, ווייל ווען עס קומט אַריין אַ צופלוס פון קאָלס איז אוממעגליך צו ענטפערן די אַלע הילפס רופן, און מען מוז פּריאָריטיזירן און קודם שיקן הילף פאַר סכנת נפשות פעלער, און די וועלכע זענען אַ נידריגערע פּריאָריטעט מוזן וואַרטן שעה'ן אויף הילף.

ווען עס שנייט זאָל מען זיצן אינדערהיים. עס האָט נישט מיט אייערע דרייוון טאַלאַנטן, עס איז איינפאַך פילע מאָל וואָס דער צושטאַנד אויפ'ן שאָסיי איז נישט פּאַסיג פאַר קיין שום דרייווער אַפילו פאַר דעם גאָאיבסטן און ערפאַרנסטן דרייווער, און אַפילו אַז מען האָט אַ פאָר-ווי'ל דרייוו אויטאָ, דאָס ברענגט אַז מען בלייבט שטעקן, דער שאָסיי ווערט בלאָקירט, עמווירדזשענסי אויטאָס קענען נישט דורכפאָרן, און די שטאָטישע שאַרער טראָקס קענען נישט אָפּשאַרן.

## חברים אָרגאַניזאַציע בעט זיך: ביטע זייט נישט קיין רואה ואינו נראה

עסקנים פרעגן מיט ווייטאָג: פאַרוואָס איז אַזוי שווער צו פועל'ן ביי פיסגייער צו גיין מיט רעפלעקטאָרס?

ווי יעדעס יאָר ווינטער, איז די חברים אָרגאַניזאַציע פריש טעטיג צו האַמערן ביים עולם פיסגייער אַז מען דאַרף גיין מיט ריפלעקטאָרס. אין די ווירקליכקייט טוען דאָס די חברים פירער מיט גרויס באַדויער, נישט חלילה ווייל עס אַרט זיי אַז מען דאַרף אַזויפיל יגיעה אַריינלייגן אינעם פראָיעקט, וואָרום יגיעה און אַרבעט איז קיין פּראָבלעם נישט ביי די חברים פירער.

אין אַ שמועס מיט עטליכע פון די הויפט עסקנים אין די חברים אָרגאַניזאַציע האָבן זיי אַרויסגעברענגט מיט גרויס פאַרדרוס דעם ווייטאָגליכן פאַקט אַז מען דאַרף יעדעס יאָר ווינטער פריש אויפרודערן די פיסגייער צו גיין מיט רעפלעקטאָרס, און טראָץ דעם אַלעם העלפט דאָס נישט, און גאָר ווייניג מענטשן גייען מיט רעפלעקטאָרס, טראָץ די מאַסיווע קאַמפּיינען און טראָץ די שווערע כוחות וואָס מען לייגט אַריין דערין.

דער פאַקט איז אַז עס הערשט טעגליך סכנות נפשות צושטאַנדן אין די שטאָט און טעגליך פּאַסירט נסים, קיינער באשרייבט דאָס נישט און קיינער האַלט נישט קיין חשבון אויף די ציפערן, אָבער יעדער דרייווער דאָ אין שטאָט קען מעיד זיין אַז ער האָט שוין דעם ווינטער אַליינס שיער נישט אַראָפּגעקלאַפּט עטליכע מענטשן וועלכע זענען אים פּלוצים אַרויסגעוואַקסן האַרט פאַר די אויגן פון דער פינסטערניש אַרויס.

יעדעס מאָל איז דאָס אַ האַרץ-קלאַפּנדע איבערלעבעניש, מען מאַכט אַ שטאַרקן שאָרט-סטאַפּ, מען שפּירט ווי די נשמה פליעט אַרויס, עס נעמט עטליכע מינוטן און מען באַרואיגט זיך און מען דאַנקט דעם באַשעפער אַז מען איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון מאַכן אַ מיאוס'ן עקסידענט און שעדיגן אַ אידיש קינד.

דער פיסגייער, וועלכער וועלט אויס צו זיין אַ רואה ואינו נראה, איז בבחינת אין בעל הנס מכיר בניסו, ער שפּאַצירט זיך ווייטער אין דער פינסטערניש אויפ'ן ראָוד און ווייסט ניטאַמאָל אַז ער איז שיער אַראָפּגעקלאַפּט געוואָרן.

אוודאי איז דער אויפפאָדערונג אויך אויף די דרייווערס, און ליידער זענען דאָ פילע דרייווערס וואָס פאָרן איבערגעטריבן שנעל און אויף אַ סכנה'דיגן אופן, און זייער אויפפירונג פאַרלאַנגט אַ באַזונדערן אַרטיקל וואו זיי דאַרפן פאַסיג געטאַדעלט ווערן, אָבער דאָס פּטר'ט גענצליך נישט די פיסגייער פון גיין מיט רעפלעקטאָרס.

דער פּראָבלעם איז אַ חסרון ידיעה, פיסגייער קענען זיך נישט אויס'משל'ען דעם פאַקט אַז זיי זענען גענצליך אומזעעבאַר פאַר דרייווערס, דער מענטשליכער אויג כאַפּט נאָר אויף קאָנטראַסט, און ביינאַכט ווען מען פאָרט אויף אַ טונקעלען גאַס, אָדער די טונקלע שטחים פון די הויפט גאַסן, און עס שפּאַצירט אַ ווען וועלכע איז געקליידעט אין שוואַרצן פון קאָפּ ביז פוס, איז אוממעגליך אים צו זען אין די פינסטערע שוואַרצע נאַכט, אויסער ווען עס איז שוין חלילה צו שפּעט.

ספּעציעל איז דער פּראָבלעם אין די ערשטע שעה פון ווען עס ווערט פינסטער, וואָס דאַן זאָגן עקספּערטן איז דער גרעסטער געפאַר פון עקסידענטן צווישן אויטאָס און פיסגייער, וואָרום די אויגן טוישן זיך דאַן פון נוצן דעם טאָג זעה-קראַפט - וואָס איז באַזירט אויף קאָלירן - צו די נאַכט זעה-קראַפט, וואָס איז באַזירט אויף שוואַרץ און ווייס קאָנטראַסטן. דער מציאות איז אַז אין די ערשטע האַלבע שעה פונעם פינסטער איז די שווערסטע פאַר דרייווער צו זען אויף די שאָסייען, ספּעציעל ווען די העדלייטס זענען בכלל נאָכנישט ווירקזאַם ווייל עס איז נאָכנישט גענוג טוקל אַז די שיין פון די העדלייטס זאָל אויפטאָן.

עטליכע חברים עסקנים האָבן זיך מיט ווייטאָג אויסגערעדט פאַר די רעדאַקציע פאַרוואָס עס איז אַזוי שווער צו פועל'ן ביי קרית יואל איינוואוינער צו גיין מיט רעפלעקטאָרס, אין די צייט וואָס אין אַנדערע ערטער איז פיל בעסער. אדרבה כאַפּט אַ באַזוך אין מאָנסי און אין אַנדערע ערטער מיט פשיסגייער, און איר וועט זען אַז 80 פּראָצענט פון די פיסגייער גייען מיט ריפלעקטאָרס, עס איז אַ פשוט'ע זאַך.

דאָהי אין קרית יואל הערשט אַ געוואַלדיגע אומפאַראַנטוואָרטליכקייט אויף דעם געביט, פיסגייער גייען אויף די שאָסייען ווי גאָרנישט וואָלט ווען נישט פּאַסירט, מען שפּרייזט אַריבער די הויפּט שאָסייען, אַריינגערעכנט פאַרעסט ראָוד און עיקערס ראָוד, סיי וואו אינדערמיטן, אָן זיך רעכענען אַז מען שטעלט זיך איין דאָס לעבן, וואָרום וויאַזוי זאָל אַ דרייווער וואָס פאָרט אויף 30 מ.פּ.ש. קענען באצייטנס אויפכאַפּן אַ שוואַרצער שאָטן וואָס לויפט דורך די גאַס?

עמיצער וואָס דרייוווט אויף 30 מ.פּ.ש. מיינט אַז ער רייזט ביי 44 פיס פער סעקונדע, ד.מ. אַז איר זענט 150 פיס אַוועק פונעם קאַר נעמט אים בלויז דריי סעקונדען אייך צו דערגרייכן. עמיצער וואָס רייזט אויף 40 מ.פּ.ש., וואָס איז אומפאַראַנטוואָרטליך שנעל דאָ אין שטאָט און איז אומגעזעצליך, פאָרט 58.6 פיס, ד.מ. נאָנט צו 60 פיס, יעדע איינציגע סעקונדע.

אָט דער געפאַר איז אפילו סתם אַזוי, וואָס טוט זיך אין די פראָסטן ווען דער פאָדערשטער פענסטער איז שמוציג, פאַרהויכט, עס רעגנט, אָדער עס שנייט, וואָס דאָס אַלעס רעדוצירט נאָכמער די זעה-קראַפט פונעם מאָטאָריסט, איז דאַן שטעלט מען זיך אין געפאַר.

די שורות זענען אויך געוואָנדן צו די עזרת נשים, וואָס נעמען זיך נישט אין אַכט, אַז דער קערידזש איז נישט געמאַכט געוואָרן ווי אַ שפּיץ פון אַ שפּיז עס אַרויסצופירן אויפ'ן טראַטואַר און אויספּרובירן דערמיט די וואַסערן צי מען קען אַראָפּטרעטן אויפ'ן ראָוד צי נישט, מען קען נישט אַראָפּפירן דעם קערידזש אויפ'ן ראָוד פאַר מען זעט אַז דער צושטאַנד איז זיכער.

די חברים אָרגאַניזאַציע פירער הייבן אָבער נישט די הענט, און פלאַנירן פאַרשידענע קאַמפּיינען אויפצוקלערן די פיסגייער די וויכטיגקייט צו גיין מיט רעפלעקטאָרס, און אַרבעטן אויך מיט די סוט און מאַנטל פאַבריקאַנטן אַריינצונייען רעפלעקטאָרס אויף יעדן איינציגן רעקל און מאַנטל, און אַזוי אַרום רעדוצירן די שיעור סכנות נפשות אינצידענטן וואָס שפּילן זיך ליידער אָפּ טעגליך צווישן פיסגייער און אויטאָס.


**גערטרייע עלטערן!**

האט רחמנות אויף אייערע קליינע קינדערלעך, און מאכט זיכער אז זיי גייען אין די טונקעלע שעה'ן, מיט

**רעפלעקטארס!!!**

*אויב ח"ו עס פאסירט אן אומגליק, השם ישמרנו, וואס וועט מען ענטפערן אויף די ציפעדיגע פראגע:*

**"פארוואס האט איר נישט אנגעהאט ביינאכט קיין רעפלעקטאר"???**


## צענדליגער חברים מיטגלידער אויסגעשטאַט מיט נייע געצייג

קרית יואל. - פאַרגאַנגענעם דאָנערשטאָג נאַכט איז פאָרגעקומען אַן איינדרוקספולע חברים מיטגלידער פאַרזאַמלונג מסיבה, אינעם ביהמ"ד בית דוב אויף לעמבערג קאָורט.

די פאַרזאַמלונגען קומען פאָר פון צייט צו צייט און דינען אַלס אסיפת חיזוק פאַר די געטרייע חברים אָרגאַניזאַציע מיטגלידער וועלכע גיבן זיך אַוועק בלב ונפש צו העלפן אידן אין פאַל פון נויט. געוועגליך ווערן ביי די מיטינגען איבערגעשמועסט וויכטיגע דעטאַלן וואָס די חברים מיטגלידער דאַרפן צו וויסן צו קענען טאָן די אַרבעט פון הצלת נפשות מיט'ן גרעסטן מאָס געשיקטקייט און איבערגעגעבנקייט.

ווי אַלעמאָל איז געווען סערווירט אַ לייכטע טועמיה וועלכע איז צוגעשטעלט געוואָרן דורכ'ן חברים מיטגליד ר' שבתי מזרחי הי"ו.

דער הויכפּונקט פונעם מסיבה איז געווען ווען מען האָט פולשטענדיג אויסגעשטאַט מיט טולס 40 פון די חשוב'ע חברים מיטגלידער, מען האָט פאַרטיילט טולס אין ווערד פון צענדליגער טויזנטער דאָלאַרן, די טולס זענען געקויפט געוואָרן א דאנק די הכנסות וואָס מען האָט אַריינבאַקומען ביים פאַרגאַנגענעם חברים ראַפעל, און דערפון האָט מען געקענט איינקויפן די וויכטיגע געצייג פאַר די וואָלונטירן.

דאָס האָט געמיינט אַז אַלע נייע אַקטיווע חברים מיטגלידער האָבן באַקומען וויכטיגע געצייג וואָס מען מוז קריטיש וויכטיג האָבן ביי כמעט אַלע קאָלס, און אָן דעם קען מען נישט טאָן די עבודת הקודש. דאָס נעמט אַריין אַ לייכטן אָבער גאָר שטאַרקן אַלומינום דזשעק (וואָרום חברים מיטגלידער קענען נישט אַרומשלעפּן אַ שווערן טאָניגן קלאָץ אין זייערע אויטאָס); אַן אימפּעקט רענטש; דזשעקעטס פאַר סעיפטי כדי צו זיין אָנזעעבאַר ביים אַרבעטן ביינאַכט אויף די שאָסייען; קאַר לאַק-אַוט און היים לאַק-אַוט קיטס; בוסטער קיטס און רעדל פאַרריכטונג קיטס.

אויך האָט מען מיט די פריש אריינגעקומענע געלט איינגעקויפט אַנדערע וויכטיגע הצלת נפשות געצייג, אַריינגערעכנט מאַכטפולע היטערס וואָס מען נוצט אין פאַל עס קומט אַריין אַן עמוירדזשענסי רוף פון אַ פאַמיליע אין די ביינאַכט שעה'ן אַז די הייצונג אַרבעט נישט, וואָס דאַן קען מען דאָך נישט רופן קיין בעל מלאכה, און די איינציגסטע עצה איז צו ברענגען אַ היטער אָנצוהייצן די שטוב אויף ביז מען קען פאַרריכטן די הייצונג.

אויך האָט מען געקויפט פּאָמפּס וואָס מען דאַרף האָבן צו קענען אַרויספּאָמפּן דאָס וואַסער אין פאַל פון רעגן און פאַרפלייצונגען וואָס איז ליידער נישט קיין זעלטענע ערשיינונג אין שטאָט.

דאָס איינקויפן מסדר זיין און אויסטיילן די טולס איז דורכגעפירט געוואָרן דורך איינע פון די באַגאַבטע און ענערגישע חברים מיטגליד, הר"ר משה שוואַרץ הי"ו, וועלכער איז באַקאַנט אין די שטאָט צו זיין אַ גאון אין חסד, און אַ איד וואָס איז גרייט כסדר זיך אַוועקצוגעבן פאַר אַ צווייטן איד, וועלכע איז איינע פון די עמודי התווך אויפ'ן געביט פון עסקנות און ענערגיע און שעפערישקייט אין די חברים אָרגאַניזאַציע.

ר' משה, זייענדיג אַן ערפאַרענער מעכאַניקער, איז דער טולס קאָאָרדינאַטאָר אינערהאַלב די חברים אָרגאַניזאַציע און איז בכלל איר עקספּערט אויפ'ן געביט פון מעכאַניקס און מאַשינערי, אַ פעלד פון וויסנשאַפט וואָס מען דאַרף אַסאַך נוצן ביים העלפן אידן אין נויטפעלער.

מיט דעם איז די מסיבה געשלאָסן געוואָרן און די חברים מיטגלידער האָבן זיך צעשפּרייט מיט אַ גוטן געפיל, מיט הויפּנס חיזוק, און מיט אַ פעסטע אַנטשלאָסנקייט צו זיין גרייט ווען אימער צו העלפן אידן וואָס זענען אין אַ פאַל פון נוט.

די חברים אָרגאַניזאַציע פירער האָבן אויסגעדרוקט אַ שטאַרקן יישר כוח פאַר די חשוב'ע שטיצער און קרית יואל איינוואוינער וועלכע האָבן זיך אַזוי וואַרעם אָנגערופן ביים לעצטיגן ראַפעל קאַמפּיין, וואָס האָט אַריינגעברענגט די שיינע סכומים געלט, וואָס האָט ערמעגליכט דאָס אויסשטאַטן די נייע חברים מיטגלידער מיט די נויטיגע טולס און אַזוי איז ערמעגליכט געוואָרן די הצלת נפשות אַרבעט, דאָס מיינט אַז מיט די נדבה וואָס מען האָט געגעבן האָט מען איינגעקויפט טולס וואָס וועלן לאַנגע יאָרן דינען צו העלפן אידן.



# KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT

48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176


# חשוב׳ע איינוואוינער פון קרית יואל!

אזוי ווי מיר האבן לעצטנס ארייבאקומען עטליכע קאמפלעינטס
פון פארשידענע פעלער ווען דרייווערס זענען דורכגעפארן די סקול באסעס
ווען די רויטע לייטס זענען געווען אנגעצינדן.

**ווילן מיר נאכאמאל אויפמעקזאם מאכן דעם חשוב׳ן ציבור**

## אז דאס איז א שרעקליכע סכנה ה״י

אריבערפארן א סקול באס ווען די לייטס בלינקען איז אומלעגאל,
און מען קען פארלירן די לייסענס פארן פארלעצן דעם געזעץ.

**A new school year is beginning!**

**We are still receiving numerous complaints with respect to motorists who pass school buses when the school bus has their lights flashing. Passing school buses when the bus has flashing lights is dangerous and illegal!**

**מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע און פארשטענדעניש**

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**



**KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT**

48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

TRANSPORTATION DEPARTMENT


בס"ד

# ונשמרתם מאד לנפשותיכם

שטייענדיג אין די ווינטער חדשים ווען די סקול באסעס
קורסירן אין די גאסן ווען עס איז שוין טונקל

**טוען מיר נאכאמאל דערמאנען און אויפפאדערן**
**דעם גאנצן ציבור, מענער און פרויען, יונג און אלט**

# צו גיין מיט א רעפלעקטאר!

**ס'איז ממש סכנת נפשות עס צו פארנאכלעסיגן!**

אין די טונקלקייט פון די נאכט איז ממש
אוממעגליך צו באמערקן קינדער און אפי' ערוואקסענע
וואס גייען נישט מיט קיין ריפלעקטאר

**ספעציעלע בקשה צו די עלטערן:**

עס איז אייער פליכט און אחריות צו מאכן זיכער אז די קינדער
גייען אנגעטאן מיט רעפלעקטארס אויף זייערע מאנטלען.

וה' ישמור צאתינו ובואינו לחיים ולשלום

מיט דאנק

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**